PUBLIC LIBRARY
43331A
ASTOR, LENOX AND
TILDEN FOUNDATIONS
R 1922 L

JAN 28 1919

See memo attached

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

CANADA

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over Canada And Abroad

א קענערער אידישע צייטונג פאר אלע קלאסען אידען.

VOLUME IV No 2300 — Toronto Monday January 20 1919 — י״ט שבט פרשה יתרו תרע״ט — מאנטאג דער 20טער יאנ. 1919 — PRICE TWO CENTS

A. S. Freidus
New York Public Library
476 Fifth Ave

אידישער ארבייטער קאנגרעס פאדערט בלויז נאציאנאלע רעכטע אין פאלעסטינא

עכטיגע סעסיע האט געדויערט א גאנצען טאג — היציגע דעבאטען מכח דער פאלעסטינא פראגע — באשלוס רופט ארויס א גרויסע סענסאציע — דעלעגאטען פון נאציאנען פליגעל אין א גרויסער פארלעגענהייט.

טויזענטער מענשען אנוועזענט ביי די זיצונגען

אינט. איד. פרעס ביורא.

ניויארק יאנ. 19

מיט 226 שטימען געגען 146 האט היינט דער ערשטער אידישער ארבייטער קאנגרעס באשלאסען ניט צו פאדערען קיין היים-לאנד אין פאלעסטינא, נאר געזיכערטע נאציאנאלע רעכטע פאר'ן אידישען פאלק.

די סעסיע איבער דער פראגע פון דער פאלעסטינא רעזאלוציע האט פארנומען דעם גאנצען טאג, דר. זשיטלאווסקי האט געהאלטען א מערקווירדיג-אינטערעסאנטע רעדע וועגען דער פאלעסטינא פראגע.

די רעזאלוציאנס קאמיטע האט געהאט צוויי רעזאלוציעס א מאיאריטעט און אמינאריטעט רעזאלוציע. די מאיאריטעט האט געפאדערט א נאציאנאלע היים אין פאלעסטינא, און די מינאריטעט בלויז נאציאנאלע רעכטע. די מינאריטעט רעזאלוציע איז פארטיידיגט געווארען פון סאלוצקי און אלגין.

קאנגרעס באשלוס רופט ארויס גרויסע איבערראשונג.

דער גאנצער טאג פון זייט די רעזאלוציעס זענען גענומען געווארען צום פארהאנדלען האט יעדע מינוט ארויסגערופען נייעס אינטערעס אין א נייע סענסאציע.

די רעזאלוציאנס קאמיטע איז באשטאנען פון פופצעהן מענשען, עלף פון דער קאמיטע האבען געשטימט פאר דער רעזאלוציע צו פאדערען א היימלאנד אין פאלעסטינא, צווישען די עלף זענען געווען ווילאדעק און צביון. דריי מיטגלידער פון דער קאמיטע האבען זיך צוריק געהאלטען פון שטימען און בלויז י. ב. סאלוצקי איז געווען דער וואס האט פארגעשלאגען די מינאריטעט רעזאלוציע.

רעדנער פאר און געגען

איידער די רעזאלוציע איז גענומען געווארען צום שטימען זענען אויסגעקליבען געווארען רעדנער פאר דער מאיאריטעט און פאר מינאריטעט, דר. זשיטלאווסקי, צביון און ווילאדעק האבען פארטיידיגט די מאיאריטעט רעזאלוציע, סאלוצקי און אלגין האבען גערעדט פאר דער מינאריטעט.

מאדנע האלטונג פון מאנכע דעלעגאטען

די האלטונג פון מאנכע דעלעגאטען אין באצוג דער פאלעסטינאר רעזאלוציע האט ארויסגערופען א היפש ביסעל קריטיציזם, ספעציעל אין דעם פאל פון צביון, און ק. מרמר, ביידע האבען גאנץ שטארק פארטיידיגט די מאיאריטעט רעזאלוציע אבער ווען עס איז געקומען צום שטימען האבען זיי געשטימט מיט דער מינאריטעט, ערקלעהרענדיג דאס זיי האבען אינסטרוקציעס פון זייערע ארגאניזאציעס צו שטימען געגען אזא פאדערונג. צווישען די דעלעגאטען האט זיך געהערט פיעל מורמלענרייען געגען אזעלכע פארטרעטער.

זעהר אינטערעסאנטע זיצונג

די גאנצע זיצונג איז געווען העכסט שפאנענד און אינטערעסאנט, הויפטזעכליך די רעדע פון דר. זשיטלאווסקי איז געווען העכסט באלעהרענד און איינדרוקספאל, דער האל איז געווען זעהר געפאקט מיט באזוכער און אלע האבען זיך איינגעהערט מיט'ן גרעסטען אינטערעס אין די פארהאנדלונגען.

פועלי ציון דעלעגאטען אין פארלעגענהייט

ביים ענדע פון דער זיצונג האבען די דעלעגאטען פון דער פועלי ציון פארטיי איינגערופען א קאקוס מיטינג צו באשטימען וואס פאר א שטעלונג צו נעהמען אין באצוג צו די ווייטערדיגע האנדלונגען פונ'ם קאנגרעס. אדער אפשר זיך אין גאנצען צוריק-ציהען פון די ווייטערדיגע פארהאנדלונגען, ווארום די פועלי ציון קאנווענשאן האט קלאר געמאכט דאס די פארטיי פועלי ציון דארף זיך ניט באטייליגען אין קאנגרעסען וואס שטעלען זיך געגען דער פאדערונג פון א אידישען היים-לאנד אין ארץ ישראל.

די פארהאנדלונגען פון די באזונדערע זיצונגען.

ביי דער פרייטאג'דיגער פריה-זיצונג האט מר. צביון באריכטעט פונ'ם אידישען קאנגרעס אין פילאדעלפיא, באהויפטענדיג דאס דארטען האט די ארבייטער דעלעגאציע ניט געקאנט אויפטון פיל דערפאר ווייל די ציוניסטישע רעגירונג'ס מאשין האט געהאלטען די גאנצע פארהאנדלונגען אין אירע הענט.

דר. זשיטלאווסקי האט אויך גערעדט וועגען דערזעלבער פראגע, אויפווייזענדיג דאס ניט אלע מאל האט די ציוניסטישע מאשין אלע מאל דורכגעפירט וואס זי האט געוואלט, אדער ביי צוויי געלעגענהייטען האט דער קאנגרעס געשטימט געגען די ציוניסטען.

ביי דער נאכמיטאג זיצונג האט מר. אלגין גערעדט וועגען דער אידישער לאגע אין רוסלאנד.

שבת פריה-זיצונג האט ב. צוקער מאן אויפגעוויזען וויאזוי דער אידישער ארבייטער קאנגרעס דארף העלפען אויפבויען די קאנסטרוקטיווע הילפ'ס ארבייט. און דר. פ. ראזענבלאט האט וועגען דער אימיגראציאנס-פראגע גערעדט.

נאציאנאלע ארבייטער קאמיטע קריטיקירט

ביי דער זיצונג שבת נאכמיטאג איז די נאציאנאלע ארבייטער קאמיסיע שארף קריטיקירט געווארען פאר איר פאסיווער שטעלונג צום פילאדעלפיער קאנגרעס.

סאלוצקי האט פארטיידיגענדיג די קאמיטע ערקלעהרט דאס די ארבייטער פראקציע ניט מעהר געקאנט ווי אנפירען א דעמאנסטראציע ביים קאנגרעס אבער ניט טון עטוואס וויכטיגע ארבייט.

פרעזידענט פואנקאר'ס וויכטיגע פונקטען

פאריז יאנ. 19

דאנקענדיג די דעלעגאטען פון די אירטע לענדער פאר דער גרויסער ז וואס זייערע רעגירונגען האבען אנגעווענדעט צו ראטעווען די פראנצויזישע ויפט שטאט פונ'ם שונא'ס הענט האט דער פרעזידענט צווישען אנדערעס געזאגט פאלגענדעס: —

"די מענטשהייט מעג האבען צוטרויען צו אייך, אז איר וועט ארויסטראגען די ריכטיגע באשלוסען ווארום איר געפינט אייך ניט צווישען יענע וואס האבען פארגוואלטיגט די מענשליכע רעכטע.

"עס איז שוין איצט ניט נויטיג נאכאמאל צו פרעגען אויף וועמען עס פאלט די שולד פון פאראורזאכען די מלחמה, דער אמת, אויסגעוויקעלט אין מענשליך בלוט, איז ארויסגעקומען פון דער דייטשער הויפט קווארטיר, ווען עס זענען פארנומען געווארען די דאקומענטען אין דעם אפיס פון אויסערליכע אנגעלעגענהייטען.

די צענטראלע מעכטע האבען זיך פארבונדען אין א געהיימען פארבאנד מיט'ן צוועק צו באזיגען די וועלט, דער ערשטער שענדליכער תירוץ אויף דורכצופירען זייער פלאן איז געפונען געווארען אין סערביען, דער פלאן איז געווען, נאכדער פארצוזעצען אין ווייטען מזרח.' דאן דורך חרוב מאכען בעלגיען האבען זיי געוואלט זיך אריינרייסען אין הארץ פון פראנקרייך.

"אויב נאר א לאנגער רייהע פון בייטעניש זענען די מענשען וואס האבען געזוכט צו הערשען מיט'ן שווערט אליין פארניכטעט געווארען מיט'ן שווערד דאן פאלט די שולד אויף זייערע אייגענע קעפ זיי זענען פארניכטעט געווארען צוליב זייער אייגענער בלינדקייט".

דאס געוויסען האט אייך פאראייניגט געגען דייטשלאנד

אויסרעכענענדיג וויאזוי יעדעס לאנד באזונדער איז אריינגעטראטען אין דער מלחמה. און וויפיל יעדעס לאנד האט בייגעשטייערט צום זיעג האט פרעזידענט פואינקאר אנגעוויזען וויפיעל ענגלאנד און יאפאן האבען מיטגעהאלפען. און ווי אזוי איטאליען האט אויסגענוצט די געלעגענהייט צו באפרייען זיך פון א שונא אונטער וועמענס יאך די איטאליענער האבען יארען לאנג געשמאכטעט.

"די פאראייניגטע שטאאטען האבען באשלאסען צו שטעלען זיך אויף דער זייט פון די אלייארטע דערפאר ווייל אזוי האט דיקטירט דער הויכער אידיאל פון א פרייער נאציאן און אזוי איז געווען דער באשלוס אינ'ם העכסטען געריכט פון דער היסטאריע.

"אלע מארטירער פון דער פארגאנגענהייט, אלע אונטערדריקטע געוויסענס, אלע פרייהייטען וואס האבען געהאלטען ביים דערשטיקט ווערען האבען זיך געווענדעט צו אונז אלס זייערע נאטירליכע באשיצער.

"אויב מיר קאנען האבען אירגענד וועלכע טרייסט פאר די גאנצע ליידען איז דאס בלויז אונזער איבערצייגונג אז אונזער זיעג איז אויך דער זיעג פון דער גערעכטיגקייט".

תוהו-ובוהו צושטאנד איבער דייטשלאנד

לאנדאן יאנ. 19.

טעלעגראמען פון קאפענהאגען צו דער עקסטשיינדזש טעלעגראף קאמפאניע מעלדען דאס דער טויט פון דר. קארל ליבקנעכט און ראזא לוקסעמבורג האבען געמאכט א טיפען איינדרוק אויף די פראווינץ געגענדען און האט פאראורזאכט א שרעקליכען תוהו ובוהו צושטאנד איבער'ן גאנצען לאנד.

איבער'ן גאנצען לאנד ווערען געהאלטען אלגעמיינע וואהלען צו דער נאציאנאלער פארזאמלונג, די וואהלען געהען אן אונטער די שווערסטע באדינגונגען, אין לייפציג איז ערקלעהרט געווארען אן אלגעמיינער סטרייק, די שטאט איז אהן וואסער, אהן גאז און אהן עלעקטריק. און רייאטען קומען פאר אין אלע געגענדען. איינגע וואל פלעצער זענען צושטערט געווארען, צייטונגען זענען קאנפיסקירט געווארען און די ארויסגעבער זענען געצוואונגען געווארען אפצודרוקען ארטיקלען אזעלכע ווי די רייאטען מאכער האבען געוואלט.

פארזאמלונג וועט ניט געהאלטען ווערען

פיליפ שיידעמאן, מיניסטער פון אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען האט ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג דאס די פארזאמלונג וועגען וועלכער די וואהלען ווערען געהאלטען וועט זיכער ניט געהאלטען ווערען, נאר וועט אפגעלייגט ווערען ביז'ן 16-טען פעברואר.

טיפוס שרעקליך פארשפרייט אין סיביר

גרויסער מאנגעל אין דאקטוירים און נורסעס

וולאדיוואסטאק יאנ. 19

דר. ארטהור דודאל טיולער, פארשטעהער פון די האספיטעלער פונ'ם "רויטען קרייץ" און הויפט פון דער מעדיצינישער אפטיילונג פון דער טשעכא-סלאוואקישער ארמיי, האט היינט, אויף זיין אנקומען אהער, ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג דאס עס איז פארהאן א שרעקליכער מאנגעל אין דאקטוירים און נוירסעס אין דעם מערב טייל פון סיבירישער געגענט.

די קראנקהייט טיפוס און אנדערע חולאת'ן זענען פיל פארשפרייט אין יעקאטערינבורג און אמסק, דערצו מאכט נאך די לאגע פיעל ערגער דערפאר ווייל עס האבען שוין אנגעהויבען צוריקצוקומען ארום צוויי הונדערט טויזענט מלחמה געפאנגענע וואס זענען געווען פארשפארט אין די געפענגנישען פון דייטשלאנד און עסטרייך, און זיי ברענגען מיט זיך מיט אלע סארטען חולאת'ן.

סער ווילפריד לאריער מארגען אין טאראנטא

סער ווילפריד לאריער, דער באריהמטער פירער פון די ליבעראלען אין קאנאדע וועט מארגען באזוכען טאראנטא אין צוזאמענהאנג מיט דער גרינדונג פון א נייער אנטעריא ליבעראל אסאסיאיישאן. די איצטיגע רעפארם אסאסיאיישאן האט ארויסגעשיקט צירקולארען איינלאדענדיג ליבעראלען פון אלע שאטירונגען מיט'ן צוועק צו פארמירען די נייע צענטראלע ארגאניזאציע. סער ווילפריד לאריער וועט ביי דער געלעגענהייט האלטען א רעדע.

דיזעלבע פלעצער ווי געוועזען

אין דער פראגע וועגען דעם וויפיל פלעצער עס זאל געעפענט ווערען אויף צו פארקויפען שנאפס, נאכדעם ווי דער פארקויף וועט איבערגענומען ווערען פון דער רעגירונג, איז נאך דערוויל ניט באשטימט געווארען. עס איז מעגליך דאס ביים אנפאנג זאלען פארבלייבען דיזעלבע צאל פלעצער ווי געוועזען, אנדערע זענען מיט דער מיינונג דאס אין געוועהנליכע צייטען איז גענוג צוויי פלעצער אין טאראנטא און די איבריגע שטעט בלויז צו איינציגע, סיידען אין אזא צייט ווי די אינפלוענציא וועלען געעפענט ווערען נאך. עס איז אבער העכסט מעגליך דאס די רעגירונג וועט עפענען נאך עטליכע פלעצער.

אמעריקאנער שפייז קאנטראלער וויל ניט מאכען קיין אויסנאהמע מיט אידען

אינט. איד. פרעס ביורא.

ניויארק יאנ. 19

א טעלעגראמע פון אב. קאהאן מעלדעט דאס מר. ס. ל. הואווער, דער אמעריקאנער שפייז אדמיניסטראטאר, וואס געפינט זיך איצט אין איראפא צו העלפען דער הונגערענדער באפעלקערונג פון די מלחמה לענדער, פארלאנגט, אז די הילף וואס די אידישע באפעלקערונג שיקט פון אמעריקא פאר די פוילישע אידען זאל זיך געפינען אונטער דער אויפזיכט פון דער אלגעמיינער פוילישער הילפס ארבייט.

דר. באגען, פארשטעהער פון דער דזשאוינט דיסטריביושאן קאמיטע האט פראטעסטירט געגען דעם, באהויפטענדיג דאס עס איז גאנץ מעגליך אז אונטער דער אלגעמיינער אדמיניסטראציע פון דער הילפס ארבייט וועלען די אידישע הונגעריגע באקומען זעהר ווייניג הילף, און דערפאר איז די פראגע נאך ניט ערלידיגט.

עס איז מעגליך דאס אייראפעאישע הילפס קאמיסיע ווייסט נאך ניט פונ'ם באשלוס וואס די אמעריקאנער דזשאוינט דיסטריביושאן קאמיטע האט אנגענומען מיט א וואך צוריק, צו שיקען פאר דריי מיליאן דאלאר עסענווארג פאר די פוילישע ליידענדע און עס זאל פארטיילט ווערען צווישען דער אלגעמיינער פוילישער באפעלקערונג, א העלפט פונ'ם געלט גיט די דזשאוינט דיסטריביושאן קאמיטע און עס וועלען צוויי פאליאקען און צוויי אידען ביים פארטיילען די הילף.

פארשפארט מקנא צו זיין אנדערע

אויב איר וועט ניט אפלייגען אויף א גאנץ לאנגער צייט און קומען עפענען אן אקאונט ביי מר. ה. וויינבערג

Banker

וועט איר פארשפארען מקנא צו זיין אייערע שכנים, מיט דעם וואס זיי האבען שוין געקראגען איינע פון די קליינע סייפס וואס מר. וויינבערג גיט אומזיסט צו יעדען פון די דעפאזיטארען, און מען קאן עפענען אן אקאונט בלויז מיט אן איינציגען דאלאר, די וואס קאנען אפשפארען מעהר איז אוודאי גוט, אבער איין דאלאר איז אויך גענוג צו געבען אייך אליין די געלעגענהייט אנצופאנגען צו שפארען געלט, סענטענווייז, ווען איר וועט ניט פארנאכלעסיגען, וועט איר ביים ענדע יאר האבען אפגעשפארט היפשע עטליכע דאלאר.

"שפארען" הייסט "ניט שנארען" דאס וואס איר לעבט עקאנאמיש אויסגערעכענט, הייסט ניט אז איר לעבט שנארעריש, פארקעהרט, א יעדען סענט וואס איר גיט אויס אין דער צייט ווען אייער לאגע ערלויבט דאס אייך ניט הייסט דאס אויסברענגעריי.

באנוצט אייך מיט א גוטער געלעגענהייט, איר קאנט איינציגע סענטען און ניקעלס ניט טראגען אין באנק נעהמט נעהמט אהיים א קליינע סייף וואס מר. וויינבערג

Banker

גיט אייך אהיים און זאמעלט דארטען די איינציגע פענים.

די צאל אידען וואס האבען שוין גענומען די דאזיגע קליינע סייפס איז אונגעהויער גרויס. מר. וויינבערג האט שוין אריינגעקראגען נאך א פרישען "לאט" כדי צו קאנען האלטען ווארט, און געבען יעדען איינציגען א סייף, אבער די וואס וועלען זיך ניט באנוצען מיט דער איצטיגער געלעגענהייט וועלען דארפען ווארטען ביז נאך סייפס וועלען אריינקומען. טוט נאך דעם ביישפיל פון אייער שכן, קומט און נעהמט א סייף, בלויז איין דאלאר עפענט אן אקאונט.

רעוו. ה. מאסליאנסקי

דער געשפרעך פון די טאראנטער אידען

די ידיעה אז רעוו. ה. מאסליאנסקי. וועט זיין דער יעניגער, וועלכער וועט אדרעסירען דעם מאסען פארזאמלונג קומענדען זונטאג פאר די מלחמה קרבנות האט אויפגעלעבט דעם אידישען קווארטאל.

רעוו. מאסליאנסקי איז דער גרעסטער אידישער פאלקס רעדנער און דער באליעבסטער צווישען די אידישע מאסען, ער האט זיך אויך באליעבט געמאכט ביי די טאראנטער אידען, אדרעסירענדיג אין מעסי האל א מאסען פארזאמלונג מיט איניגע יאהר צוריק טאקע פאר דעם זעלבען צוועק.

רעוו. מאסליאנסקי איז געווען דער יעניגער, וועלכער איז צוגעקומען צו די הערצער פון די טאראנטער אידען און נאך זיין ווארעמער ליעבער רעדע האבען זיך העכער צוועלף הונדערט אידען פארפליכטעט צו צאהלען וועכענטליכע ביישטייערונג פאר די מלחמה קרבנות, וועלכעס איז טאקע געווען דער ערשטער גרונדשטיין פאר דער נאבעלער ארבייט פונ'ם קאנפערענץ און וואלונטירען איינשטעלענדיג א סיסטעמאטישע, וועכענטליכע זאמלונג פאר אונזערע שוועסטער און ברידער.

עס איז אהן ספק אז יעדער איד פון טאראנטא וועט קומען הערען דעם באליעבטען פאלקס רעדנער, קומענדען זונטאג.

נאציאנען ליג ערשטע פראגע צום פארהאנדלען ביים שלום קאנפערענץ

פאריז יאנ. 19

ביי דער נעכטיגער ערשטער זיצונג פונ'ם שלום קאנפערענץ האט פרעמיער מענסאו זאל זיין דער שטענדיגער פאר טען וועלכע וועלען דארפען פארהאנדעלט ווערען אין פארלויף פון די שלום פארהאנדלונגען און ביי וועלכע די גאנצע דעלעגאציע וועט אנוועזענד זיין. פרעזידענט ווילסאן האט אין זעהר א שעהנער רעדע פארגעשלאגען אז פרעמיער קלעמענסאו זאל זיין דער שטענדיגער פארזיצענדער פון די סעסיעס און פרעמיער לאיד דזשארדזש האט די נאמינאציע אונטערשטיצט און איז איינשטימיג אנגענומען געווארען.

אלעם צוזאמען זענען איצט פארהאן 72 דעלעגאטען וואס פארטרעטען די אלייאירטע נאציאנען.

ענטפערענדיג אויף די רעדען פון פרעזידענט ווילסאן און פרעמיער לאיד דזשארדזש האט פרעמיער קלעמענסאו ערקלעהרט דאס דער איצטיגער קאנפערענץ איז ניט אזעלכער וואס וועט דארפען באשטימען דעם שיקזאל אדער טעריטאריע גרענעצען פון איין נאציאן, נאר ווי פרעזידענט ווילסאן האט שוין פריהער קלאר געמאכט, וועט דארפען באשטימען דעם שיקזאל פון דער גאנצער וועלט און פון נאציאן אויף דורות שפעטער.

פרעמיער קלעמענסאו האט דאן פארגעלייגט אז די פאלגענדע דריי פונקטען וועלען זיין פון די הויפט פונקטען ביי וועלכע די גאנצע דעלעגאציע וועט דארפען זיין פארטראטען און וועלכע וועט פארהאנדעלט ווערען פון אלעמען: — ערשטענס.

ווער עס איז פאראנטווארטליך און ווער עס האט פאראורזאכט די מלחמה.

צווייטענס — ווער עס איז פאראנטווארטליך פאר די פארברעכענס וואס זענען באגאנגען געווארען אין דער צייט פון דער מלחמה.

און דריטענס — געזעצען וואס דארפען אנגענומען ווערען אין באצוג צו אינטערנאציאנאלע ארבייטער ארגאניזאציעס.

נאציאנען ליג קומט צום ערשטען

דער פרעמיער האט דאן ערקלעהרט דאס די פראגע פון א נאציאנען ליגע וועט זיין די ערשטע אויפ'ן טאגעס ארדנונג ביי דער זיצונג וואס וועט האבען פארטראטען אלע דעלעגאטען.

עראל סטרייק צו באפרייען טהאמאס דזשיי מוני.

שיקאגא יאנ. 19

דער נאציאנאלער ארבייטער קאנגרעס האט זיך געשלאסען מיט דעם באשלוס ארויסצורופען א גענעראל סטרייק איבער'ן גאנצען לאנד און פאראליזירען אלע אינדוסטריען אין פאל עס וועט ניט קאנען אויסגעווירקט ווערען א נייער משפט פאר טהאמאס דזשיי מוני, און פרעד בילינגס, דער סטרייק וועט דארפען ארויסגערופען ווערען דעם 4-טען יולי פון היינטיגען יאהר, ביז דאן וועלען אנגעווענדעט ווערען די געוועהנליכע געריכטס מיטלען.

די קאנווענשאן האט אויך באשלאסען צו זאמלען א פאנד פון א מיליאן דאלאר אויף אנצופירען די אגיטאציע, דער פאנד זאל זיין פון א טעקס אויף פופציג סענט פון אלע ארגאניזירטע ארבייטער.

בריף צו סאלדאטען וואס זענען אין דייטשלאנד

דער מיליטערישער דעפארטמענט האט אפיציעל אנאנסירט דאס בריף וואס מען וויל שיקען צו סאלדאטען וועלכע געפינען זיך איצט אין דייטשלאנד מיט דער ארמיי וואס האלט יענע טיילען וואס זענען פארנומען געווארען לויט וואפען שטילשטאנד אפמאך דארפען געשיקט ווערען קיין פראנקרייך אויפ'ן זעלבען אדרעס ווי פריהער פון דארטען וועט עס איבערגעשיקט ווערען צום ריכטיגען פלאץ.

לופט פאסט פון די פרידענס פארהאנדלונגען

לאנדאן יאנ. 19

צווישען לאנדאן פאריז איז איצט שוין איינגעפיהרט געווארען א רעגולערע לופט פאסט אויף צו ברענגען באריכטען פון די שלום פארהאנדלונגען, עס זענען דערצו ספעציעל געמאכט געווארען א געוויסע צאל לופט מאשינען, אין וועלכע עס געפינט זיך פלאץ פאר צוויי מענשען, און א טישעל, דאס פלאץ וואו די מענשען געפינען זיך איז אין גאנצען פארשטעלט מיט גלאז.

די רייזע פון לאנדאן ביז פאריז דויערט צוויי שטונדען:

נאך פינף ספארטאקאן פירער געשאסען.

בערלין יאנ. 19

אין רייאט וואס האט אויסגעבראכען אין ברעסלאו זענען נאך פינף ספארטאקאנער געשאסען געווארען, רייאטען האבען אויסגעבראכען נאך אין עטליכע טיילען פון לאנד, אין ברעסלאו זענען די רייאטערס באפאלען א גרויסען האטעל, און נאכדעם ווי זיי האבען צוערשט אויסגעבראכען אלעס וואס איז געווען אינעווייניג האבען זיי דאן אונטערגעצונדען די גאנצע געביידע.

פילע קאנפערענצען וואס זענען אנגעגאנגען זענען צוליב די רייאטען אונטערבראכען געווארען.

קעניג'ס אינגסטער זוהן געשטארבען

לאנדאן יאנ. 19

אן אפיציעלער בולעטין וואס איז היינט אווענט ארויסגעלאזען געווארען אנאנסירט דאס דער אינגסטער זוהן פון קעניג דזשארדזש איז געשטארבען די אנאנסע זאגט:

"פרינץ דזשאהן, וועלכער האט פון זיין קינדהייט אן געליטען פון פאלינגער קראנקהייט, און וועלכע האט זיך אין דער לעצטער צייט פיל פארערגערט און פלעגט פאסירען זעהר אפט איז היינט 5.30 געשטארבען אין שלאף. דער פרינץ איז געבוירען געווארען דעם 12טען יולי 1905

גוטע האפנונגען צו באפרייען די פאראורטיילטע

אטאווא יאנ. 19

פרענק וואטקינסאן ביזנעס אייד זשענט פון דער קארפענטערס-יוניאן און לאיער, מ. וו. ראובאק, האבען ערקלעהרט דאס עס זענען פארהאן גוטע אויסזיכטען צו באפרייען טשארלס וואטסאן און הארווי טשיזמאן, ביידע פאראורטיילטע פאר האבען ביי זיך פארבאטענע סאציאליסטישע ליטעראטור.

די ביידע פארשטעהער האבען זיך געזעהען מיט א היפשער צאל קאבינעט מיטגלידער און איבעראל האבען זיי געקראגען א גוטען צוזאג, עקטינג פרעמיער סער טהאמאס ווהייט איז געווען אין טאראנטא און זיי האבען אים נאך ניט געקאנט זעהען.

אינטריגעס פון דייטשען קייזערליכען הויף

א שפאנענדער ראמאן, וואו עס ווערען אויפגעדעקט די דייטשיש־פרייסישער גרויזאמקייטען און די מיליטאריסטישע שטרעבונגען פון די יונקערס, וועלכע האבען פאראורזאכט די יעצטיגע בלוט־באד.

פון עקס

(114־טע פארזעצונג)

— געמיס וועלען מיר ווארטען, טהייערער! יעצט צו געהן הייראטהען פאלט מיר נאך ניט איין, און איך גיב אייך מיין ווארט, דאס איך וועל מיין טהייערע מיידעל אפילו ניט מאכען קיין הייראטס־אנטראג; ביז איהר אליין וועט זאגען, אז יעצט איז צייט, און ביז איך וועל האבען א זיכערע שטעלע פון וואנען צו לעבען. דערוויל בין איך שוין גענוג גליקליך דערמיט וואס איהר האט אראבגענומען דעם שטיין וואס איז געלעגען אויף מיין הארץ.

ער האט אנגענומען דעם זיידעס האנד און האט איהר בעדעקט מיט פייערדיגע קושען און מיט הייסע טרערען פון פרייד.

דער גענעראל, איז אויך, געווארען לוסטיגער און פריינדליכער, און איהם ארייןקוקענדיג אין די אויגען האט ער געזאגט:

— אבער יעצט, ליעבער יונג, דערצעהל אונז אלעס: דערצעהל אונז ווי דו קומסט צו דער מיידעל, ווי דו ביזט מיט איהר געווארען בעקאנט, ווי דו האסט דערקענט איהר כאראקטער און איהר ליעבע, לאמיר הערן, צו ביזט דו ניט גענארט אין איהר. צו האט דיך די ליעבע ניט צופיעל פערבלענדעט.

קלאר און אפען האט אולריך ערצעהלט, ווי ער האט זיך מיט איהר דאס ערשטע מאל געטראפען אין טהעאטער; ווי ער איז דערנאך מיט איהר צוזאמען געקומען אין דער קירכע; וואס ער האט ערפאהרען פון איהר לעבען, דורך זיין ווירטה ניימאנען, און אפילו פון איהר ארומרייסענעם מיט דער האבזיכטיגער מוטער, און פון איהר קאמף געגען דעם געמיינעם גראף פלאווי. האט ער אויך דערצעהלט.

— ווי עס שיינט, איז זי א בראווע קינד — האט נאלענדארף געזאגט — און עס איז איהר צו פערגינען דיין עהרליכע ליעבע. אבער ווייסט דו וואס מיר דארפען טהאן? מיר דארפען איהר עפעס אונטערהעלפען: מיר דארפען איהר ארויסציהען פון דעם גיעריגען קרייז אין וועלכען זי לעבט יעצט, און ארייןברייניגען אין אונזערע העכערע קרייזען און אין די הייזער פון אונזערע פארנעהמע פריינד.

ווען דער גרעפליכער שפל, און די געמיינע מוטער, וועלען זעהן, אז לייט נעהמען זיך אן פאר איהר, וועלען זיי זיך דאך אבשרעקען, און וועלען אויפהערן איהר צו פערפאלגען מיט געמיינע אבזיכטען.

— מיין עצה איז דעריבער אזוי: די פערקעהר מיט איהר וויטער ווי פאר דעם, ערצעהל איהר אבער נאך גארנישט פון דיין פאמיליע און פון דאס וואס איך בין דיינער. פאר דיינע עלטערן מוז אבער די גאנצע זאך בלייבען א געהיימניס, ביז די צייט וועט קומען וואו מיר וועלען קענען פאר זיי אלעס ענטדעקען, און פאר דאס איבריגע וועל איך שוין זארגען מיט ווינינגען......

פון דעם טאג אן, האט מען געזעהן פאר פאזעמאצקי'ס הויז זיך אבשטעלענדיג די טהייערסטע עקיפאזשען, וועלכע פלעגען אבפיהרען די יונגע זינגערין צו די געזעלשאפטען, צו די בעלער, צו די קאנצערטען און צו די טהע־אווענדען פון די פארנעהמסטע הייזער.

אין אנפאנג האט מאריאנע זיך אליין פערוואונדערט איבער די בעזונדערע [illegible], אבער ווען זי האט אין די אלע געזעלשאפטען געטראפען איהר געליעבטען, און האט געזעהן וואס פאר אן אנזעהען ער האט דארט, האט זי שוין פערשטאנען, אז פאר די איינלאדונגען האט זי בלויז צו פערדאנקען איהם.

אין די פארנעהמע הייזער, האט מאריאנע זעהר שטארק אויסגענומען. אלע האבען איהר אויסגעצייכענט מיט דער גרעסטער פריינדשאפט.

מעהר פון אלעמען, האט זיך אבער צו איהר געפריינטעלט דער אלטער גענעראל פאן נאלענדארף. ער איז געווארען באלד מיט איהר אזוי בעקאנט און פערטרויט, אז ער האט זיך דערוואויגען איהר צו זאגען, דאס ער ווייס פון איהר און אולריך'ס פערהעלטניס, און אז ער ווייס אז זייער בעקאנטשאפט איז ניט דווקא פון היינט.

ווען זי האט זיך דעריבער פערוואונדערט, האט ער איהר ערקלערט, דאס ער איז פון אולריכ'ן ניט אזוי פרעמד ווי זי מיינט, דאס ער איז א מאל געוועזען בעסטער פריינד פון זיינע עלטערן און, דאס אולריך'ס מוטער, האט, צו זאגען, זיך איינגעהארעוועט אין זיין הויז.

ער האט איהר ערצעהלט, אז אזוי ווי אולריך'ס עלטערן זיינען ניט געווען אין שטאנד פאר איהם צו זארגען, און איהם געהעריג אויסצובילדען, האט ער פאר איהם זיך אנגענומען, האט איהם געלאזט שטודירען אויף זיינע קאסטען. און ווען ער האט אויסשטודירט האט ער איהם פערשאפט די שטעלע וואס ער האט נאך יעצט.

— איך ליעב דעם יונגענמאן, ווי אן אייגען קינד — האט ער צו איהר געזאגט — און איך בין שטארק בעזארגט וועגען זיין צוקונפט, ווייל איך ווייס, דאס ער האט מעכטיגע פיינד וואס ווילען איהם בייזעס טהאן, ביז אהער בין איך געווען זיין בעשיצער, אבער, ווי יעצט הערט זיך א גרויסער קריעג, און איך מיט אלע זיינע גוטע פריינד וועלען געוויס מוזען ארויס אין שלאכטפעלד, ווייס איך ניט ווי איך זאל איהם דא לאזען אליין.

איך קען זיין העלדישע נאטור, און זיין פיינעם כאראקטער, און איך ווייס אז ווען איהם זאל אפילו געהן וואסער איבערן קאפ, וועט ער מיר דערפון ניט לאזען וויסען, אום מיר ניט צו מאכען אונרוהיג.

מאריאנע האט זיך פאר א ווייל ע פערטראכט; איהרע אויגען זיינען געווארען פול מיט טרערען, און איהר בוזים האט זיך אנגעהויבען צו הויבען.

— עקסעלענץ, — האט זי געזאגט — איך בלייב אבער דא, און איך נעהם זיך אן איהם צו בעשיצען און צו העלפען מיט אלע מיינע קרעפטען און מיט אלע מיטלען וואס וועלען מיר קומען צו האנד. איך בין דעם לעגאציאן סעקרעטער אזוי פיעל שולדיג, און איך וואלט וועלען איהם אבדיענען כאטש מיט מיין לעבען!

— איך בין אפילו ניט מעהר ווי א שוואכע פרוי, אבער צו זיין א וועכטער איז א פרוי אויך גוט. אויסערדעם, בעט איך אייך, אז ווען איהר וועט ארויס אין קריעג, זאלט איהר מיר לאזען וויסען יעדעם מאל וואו אייער לאגער איז. און איך פערשפרעך אייך, עקסעלענץ, אז טא מער וועט זיך מיט איהם עפעס מאכען וועל איך מיט די ערשטע פאסט אייך דערפון שרייבען.

דער גענעראל האט איהר דאס פערשפראכען, און ווען ער האט זיך אויף מארגען געטראפען מיט אולריכ'ן, האט ער אויסגערופען:

— יא ליעבער יונג, נאך אזא העלדישע מיידעל, נאך אזא געטרייע און טייערע זעלע האסטו ניט געקענט געפינען אין דער גאנצער וועלט!

דער שטיינערנער גאסט.

ווען מאדאם פראנציסקא העלמוט, האט געזעהן, דאס איהר טאכטער שטייגט אלץ העכער און ווערט, האט זי אנגעפאנגען אויך צו העכערן איהר פרייז, זיך בערעכענענדיג, אז גראד יעצט איז די בעסטע צייט, ארויס צו שלאגען פון איהר דאס גרעסטע קאפיטאל.

אהן מאריאנעס וויסען, אבער אין איהר נאמען, האט זי געשריעבען א בריעף צו די דירעקציאן פון'ם נאציאנאל־טהעאטער, דאס פון ניי יאהר אן, פערלאנגט זי א העכערען לוין פאר זיך און פאר דער טאכטער, אלע יאהר א עקסטרא בענעפיט, און פאר דער טאכטער די גרעסטע אפערא־ראלען, ווען די דריי בעדינגונגען וועלען ניט ווערען איהר נאכגעגעבען, האט זי געשריעבען, וועט זי ניט אונטערשרייבען קיין קאנטראקט.

(פארזעצונג פאלגט)

היילפס רוף פאר ארץ ישראל

עס איז אלעמען בעקאנט דער נויטצושטאנד פון אונזערע ברידער און שוועסטער פון ארץ ישראל ניט נאר וואס עס פעהלט פיעל פון זיי נעהר, נאר אויך עס איז א גרויסער מאנגעל אין קליידער און שיכווארג. פון אלע טיילען פון ארץ ישראל ווערט פערלאנגט קליידער שטאף אדער פארטיגע קליידער און שיך פאר גרויס און קליין. עס איז זעלבסטפערשטענדליך וויכטיגסווערטה אז אויך די טעטיגקייט זאל ווי ווייט מעגליך זיין ארגאניזירט און ניט ברייננען צו פערטיילונג פון אונזערע כחות דא אין לאנד און דארט אין לאנד. דער מזרחי געפינט דארום פאר נויטיג אויפמערקזאם צו מאכען אלע אידען אויף די גרויסע וויכטיגקייט פון געבען אדער שאפען קליידער און שיך, ווי ווייט מעגליך נייע, יעדענפאלס ניט קיין שטארק אפגענוצטע, ווי אויך פערשיעדענע שטאפען, און דאס אלעס זאל אפגעשיקט ווערען צו די אגודת המזרחי, "התאחדות בני ארץ ישראל", וועלכע איז א טייל פון דעם פאלעסטינא סופלי ביורא, און וועלכע בעשטעהט פון בני ארץ ישראל איבערגעבענע פאר היילף אין קאנסטרוקטיווע ארבייט און אונזער הייליגער לאגר, אינ'ם גייסט פון מזרחי.

דער אדרעס פון התאחדות בני ארץ ישראל 194 הענרי סטריט ניו יארק.

בכבוד וברכת ציון וירושלים.

מזרחי צענטראל ביורא,

מאיר ברלין.

פאליאקען רופען אידען צו קעמפען געגען רוטענער

קאפענהאגען:

די היגע ציוניסטישע ביורא מעלדעט אז דער מיליטערישער קאמאנדיר פון פשעמישל האט פעראדערט א נייע מאביליזאציע, אויפפאדערענדיג די פריהערדיגע עסטרייכישע סאלדאטען זיי זאלען זיך צוריק אנשליסען אין זייערע רעגימענטען.

די דאזיגע פעראדנונג איז אין גאנצען אונגעזעצליך, ווייל די פריהערדיגע עסטרייכישע רעגירונג האט בעפרייט די סאלדאטען פון זייער שבועה. אם שרעקליכסטען וועלען דערפון ליידען די אידען, ווייל זיי וועלען זיין געצוואונגען זיך צו בעטייליגען אין די שלאכטען צווישען די פאליאקען און רוטענער און הירך דעם וועט געשטעלט ווערען אין געפאהר די גאנצע אידישע בעפעלקערונג אין [illegible]

צו פערענטען!

צו פערדינגען 4 רומס מיט אלע קאנוויניענס אין לענארד עוו. אפארטמענט נאכפרעגען 174 טשעסטנאט סט.
4259—1—20

צו פערדענטען א שעהנע פארנישד רום מיט אדער אן בארד אין זעהר א קלינע הויז מיט אלע קאנוויניענס 272 אגוסטא עוו.
4256—1—21

צו פערדענטען א פלעט פון 2 אדער 3 רומס, עלעקטריק לייטס און גאז, טעלעפאן, באדרום נאכפרעגען 559 דאנדעס וועסט טעל. קאל. 1494
4250—1—21

ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

צו פערקויפען א בייבי קערידזש, אזוי גוט ווי ניי זיך נאכפרעגען 164 באלדווין סטריט.
4243 1 25

צו פערקויפען א קלינינג און פרעסינג סטאר אין 222 עדלייד וועסט ביל ווארום איך פערלאז טאראנטא
4273—1—21

צו פערקויפען א גוטע לידיס טיילערינג ביזנעס און אויך גאנץ גוט פאר מאנופעקטשורינג א גוטע איינגעטרייטע ביזנעס פאר די לעצטע 6 יאהר אורזאכע איגעה אין אנדערע ביזנעס נאכפרעגען זשורנאל באקס 733
4265—1—22

גראסעריעס, רעסטאראנטס וועלכע ווינען אונזערע שמעקעדיגע טהע און קאפי קריגען א גוטען נאמען, ווערען ערבאלגרייד. פיפעלס טהע און קאפע סטאר 284 קווין וועסט, אדעלייד 5270

$3,700 צו פערקויפען א סטאר אין 275 דאנדעס סט. לעבען מיקאל סט. $500 קעש איינצאלען באלענס איין מאנטאגרודש, וועבער 233 סימקאו סט.
4254—1—20

ALLEN

די גאנצע וואך

דאגלעס פיערבענקס

אין

„אריזאנא"

פון דער בארימטער פערשטעלונג פון אוגוסטוס טהאמאס

אויך

הארלד דזשארוויס

טאראנטאר ליבלינג טענאר.

האמילטאנער אידען

אויפמערקזאם

צוליעב מאנגעל אין פלאץ, און אום צו קענען בעסער און בעקוועמער אטענדען אונזערע קאסטומער סיי אין סטאר סיי אין אפיס, בין איך געצוואונגען צו פערגרעסערן מיין סטאר און אויך דעם אפיס.

דער אפיס געפינט זיך יעצט אין דער נעקסטער בילדונג אין פארק סטריט. אין דעם נייעם אפיס געפינט זיך יעצט א גרויסער אויסוואהל פון אידישע ביכער, ראמאנען, דיקשאנערים מעטאדעס, הומאר, דראמאס, חומשים, סידורים תנך'ס, א. ד. ג. די אלע ביכער ווערן יעצט פערקויפט מיט 25 ביז 50 סענט בילינער ווי עס קאסט האלסייל.

אחוץ דעם בין איך יעצט ווי אימער בעפאר אייך צו דיענסט, פיר מערידזש לייסענס, סיטיזען פייפערס, פאספארטען אויספילען, איינשווערען אירגענד וועלכע דאקומענט, און אויך דער איינציגער פערטרעטער פון אלע אידישע צייטונגען, פון האמילטאן ברענטפארד, סענט קעטהערינס, קינגסטאן, וועלאנד, לאנדאן און אום געגענד.

אייער,

ames L. SHEKTER
York & Parke St.
Phone 5416 Hamilton

קעש'ס

CASH OR CREDIT

דזשועלרי סטאר

145½ קווין סטריט וועסט

טעל. אדעלייד 3588.

אזוי ווי איך האב א גרויסען סטאק דיאמאנטס רינגען גאלד וואטשעס און טשיינס שעהנע לאוואליעס, מיט ספעשיעל פרייזען, וויקטארי באנדס נעהמען מיר פאר געלד אויך אויסוואהל פון שעהנע לייכטער און אנדערע [illegible]

ארבייטער פערלאנגט

פערלאנגט א פרוי צו לייכטע הויז ארבייט א פרוי וועלכע וויל האבען אן אמת גוטע אידישע היים און גוט באצאהלט זאל זיך גלייך ווענדען נאך אינפארמאציעס צו א. נאוויק 89 רייערסאן עווענין. א גוטע געלעגענהייט פאר דער ריכטיגער פערזאן.
4204 1 21

עלעקטרישע פיקטשורס עלעקטרישע פארמאכטע ווייערינג ווערט פון אונז אריינגעשטעלט אין אלטע הייזער. מיר מאכען אויך מאטאר - ווייערינג, רי- פיירס און אלעם אנדערעס אין דער עלעקטרישער ליין. ארבייט איז גאראנטירט. עסטימייטס ווערען פריי געגעבען. ארט עלעקטריק 307 יאנג סט. פאן מעין 2413.
4117—6—7)

פערלאנגט א סעמפעל מייקער פאר ריפערס נאכפרעגען פערפעקשאן טשילדרען קלאוק קאמפאניע 118 ריטשמאנד סטריט וועסט.
4272—1—22

פערלאנגט א פארטנער צו א גלענצענדע ביזנעס מיט ווייניג געלד זיכערער וועג ארויפצוארבייטען זיך מיט גאראנטי שרייבט זשורנאל אפיס באקס 790
4271—1—21

פערלאנגט אפערייטארס אויף ליידים קלאוקס און סוטס נאכפרעגען פידלער 443 קינג וועסט.
4270—1—21

פערלאנגט עקספיריענסד אפערייטארס צו לידיס סוטס, נאר ערשטע קלאס אפערייטארס זאלען זיך נאכפרעגען.
דאמיניאן קלאוק קאמפאניע באטהורסט און וועלינגטאן סטריט.
1235 1 20

פערלאנגט עקספיריענסד פינישערס באטאן נייערס און פרעסערס פאר קלאוקס און סוטס נאכפרעגען אידיעל קלאוק קא. 92 פיטער סט.
42[illegible]—1—20

פערלאנגט האנט באטען נייערס, נאכפרעגען נאלדהאמער, 539 קינג סט. וועסט.
4255—1—20

פערלאנגט 2 רומס פורנישט אדער נישט געפורנישט מיט קאנוויניענס פאר סענד פאר און עלטערע פאר פאלק נאכפרעגען 118 פאלמערסטאן עוו.
4251—1—20

פערלאנגט מיידלאך פאר פינישערס און באטאן האל מייקערס פאר האסטאם וועסטען נאכפרעגען 1 בעווערלי סט. ערשטען פלאר
4268—1—21

פערלאנגט עקספיריענסד אפערייטארס און פינישערס צו קויטס נאכפרעגען פידער קלאוק קאמפאניע 103 עדלייד וועסט.
4267—1—21

פערלאנגט א גוטען שניידער אלס א שותף אין א גוטער ביזנעס. נאכפרעגען פער טעלעפאן קאלעדזש 273.
4232 1 20

פערלאנגט א מאן צו טראוועלן, וועלכער האט עקספיריענסד אין מילענערי אדער א מאן וואס קען נעהמען מילינערי פאר א סייד ליין נאכפרעגען 97 באדערן סטריט.
4262—1—20

פערלאנגט א פרוי צו אטענדען א הויז מיט דריי קינדער אדרעס 153 מארקהאם סטריט
4266—1—22

פערלאנגט אפערייטארס פינישערס און באטאן נייערס, זאפארט נאכפרעגען סאמיט דרעס און סקירט קאמפאניע 72 סטעפארד סטריט

ביי איין אדיט קאמיטע פון מאזירער סאסייטי וועלכעס איז פארגעקומען אין 271 פאלמערסטאן עוו. ביי דעם טרעזשורער הערי פאזין איז געזאמעלט געווארען $14.00 וועלכעס עס איז איבערגעגעבען געווארען צו מיסעס פאזין אז זי זאל צו טיילען די געלד $7.00 פאר די מושב זקנים און $7.00 אר דעפר פאלקס פעראיין.
4274

אויפמערקזאם.

די קווין פענטס קאמפאניע מאכט בעקאנט אז זי האט ערעפענט זיין א פענטס שאפ און מאכט צו אדרער פענטס פאר 4 דאלאר א פאר מיט גוטע סחורה. נאכפרעגען 322½ קווין וועסט.
4199 1 29

אויפמערקזאם!

צו פארדענטען קאסטומען פיר מאסקען בעלער, אויך קענט איהר באקומען פארשיעדענע אידעעס פאר בילדער און גראמירער, וואס פריהער איהר ווערט קומען איז בעסער. עליעס קאסטיום נארדראב 246 ספעדינע. האבערמאן פראפ:
4205 1 21

אויפמערקזאם צו קארפענטערינג און קאנטראקטינג

מיר נעהמען אן ארבייט פון 1 דאלאר און העכער אויך פארניטשור ווערט געפיקסט, זיך ווענדען צו שטיינער 665 קווין וועסט, טעלעפאן ארעלייד 3359.
4189 2 13

פיינטינג און פייפערהענגינג

איך פייפער און פיינט צו בילינע פרייזען לאזט וויסען דורך א פאסט קארט פ. טשערניצקי 10 הענרי סט.
4043—2—1

ביזנעס שאנסען

רייזערס צו פיקסען

רייזערס קלינלאך נעשארפט פון עקספערטען, 1 גילעט, 35 סענט א דאזען [illegible]

היט זיך פון דעם הוסט

קויפט א 25 סענטיגע פלעשעל פון דר. מאקע הוסט רפואה און באפרייט זיך פון דער נעפעהרליכער אנשטעקונג וועלכע פיהרט צו קאנסאמפשאן און לונגען אנצינדונג.

אבסאלוט גאראנטירט.

ווערט פארקויפט נאר ביי:

Claude J. Halloran

קאט רייט דראגיסט

202 דאנדעס סטריט וועסט קארנער סענטער עוועניו, טאראנטא.

טעלעפאן עדלייד 1281.

דר. פאומאן

דענטיסט

האט זיין

דענטיסט אפיס

אויפ'ן קארנער מיקאל און דאנדעס סט. איבער דער דאמיניאן באנק.

טעלעפאן קאלעדזש 7782.

מ. בראון

דזשענעראל אינשורינג אגענט

איך רעפרעזענטיר די

Ocean Insurence Co.
Assets $24,000,000

וועלכע גיט פאליסעס פיר פארנימער פיר 3 יאהר און שטעלט אריין קיינע ספעציעלע פונקטען אין די אידישע פאליסעס

Ocean Office Cor. King & Yonge St. M. 4124
M. BROWN Agt.
147 Seaton St, Phone M. 2364

צו זיין געזונד

האלט ריין אייער מאגען

הענפי האם

ווירקט! רייניגט! לויטערט!

דעם מאגען און דאס בלוט

פעקויפט איבעראל. אין 10 און 25ס. באקס.

דר. מ. פיוניק

דענטיסט

יוניווערזיטי עקסטרעקשאן פון ציינער

קאר. קווין און ספעדינע עוו. רום 2

טעלעפאן אדעלייד 4067

דר. ד. א. סיגעל

דענטיסט

קארנער דאנדעס סטריט און ספעדינא עוו. אפיס טעלעפאן קאלידזש 6937

הויז טעלעפאן קאלעדזש 6073

דר. בערנארד שאפער

דענטיסט

האט ערעפענט א דענטיסט אפיס

אין 346 קאלעדזש סטריט

איבער'ן פליי האוז טעאטער.

טעלעפאן קאלעדזש 252

בלויז חזן וולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פראקטיש

אלם מוהל

און אלס מסדר קדושין

אלע עלטערן פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אכטונג ווייל דאס איז זייער איינציגעס בעגעפים. קאנטרי לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.

[illegible]

צו אלע פעדלערס

מיר פארקויפען יעצט ביליג היי און האבער, 20 פראצענט בילינער ווי איבעראל.

בעמערקט עטליכע פון אונזערע פרייזען:

100 פונט טשאפ, 270 פונט אוטס 90 סענט א בושעל היי 1.30 א הונדערט פונט.

דזשיי קאלער

139 דאנדעס סט. וועסט, טעלעפאן עדלייד 3055.

וואטשט אונזערע ווייטערע אנאנסמענטס פאר פרייזעס.

אורין אויסשפריצונגען קורירט אין 24 שטונדען

SANTAL CAPSULES MIDY

יעדע פיעל האט דעם נאמען MIDY

היט זיך פאר נאכגעמאכטע

צו אלע פעדלערס און עקספרעס לייטע

מיר פארקויפען יעצט היי, טשאפ, האבער בילינער ווי איבעראל, און די בעסטע סחורה. קומט און איבערצייגט זיך.

יוניטעד פיעד און גריין קא.

100—102 עליזאבעט סט. טעלעפאן אדעלייד 1415.

4006 1 30

די לאיער פירמא פאקטאר און שולמאן

לאזט וויסען אלע קליענטען, פריינד און בעקאנטע דאס פון דעם ערשטען יאנואר, 1919, וועט זייער אפיס זיך געפינען אין דעם לומסדען בילדינג, אדעלייד סט. איסט, קארנער יאנג, אין סוויט 303, אנשטאט דעם יעצטיגען פלאץ אין 299 קווין סטריט. ביטע נעהמט אין אכט דעם נייעם אדרעס:

FACTOR & SHULMAN
303 Lumsden Bldg.
Adel. St East. Cor. Yonge Street

איזידאר

פינבורג

בארויסטער, (לאיער)

קאמישאנער און דיעדס.

געלט צום פארליהען 35 אימפיריעל בענק

[illegible] יאנג סטריט

טעל. מיין 3406

וואוינונג טעלעפ. היל. 2296

אברהם קאהען

באריסטערס

נאטארי פאבליק קאמישיאנערס

א. א. וו.

Sun Life Building
60 Victoria Street
Main 2584

אברהם קאהען גארד 267

סעמיועל קאהען דזשאנקשאן 1545

חזן מאנאוויטש

מוהל מומחה און מסדר קדושין

איך בעט אלע סאסייטי ברידער, וועלכע באלאנגען מיט מיר אין פרייד אף איזראעל, סאנס אף דזשייקאבס, היברו פרענדלי און אלע אידען פון מיקאל שוהל מעמבערס און סיט האלדערס און אלע אידען פון טאראנטא, פארגעסט ניט צו צו רופען חזן מאנאוויטש צו אייערע שמחות! איך פערשפרעך און גאראנטיר די בעסטע צופריעדענהייט. ווען נאט בענשט אייך מיט א ברית מעג עס זיין אין הויז אדער אין אבי וועלכען האספיטאל אין סיטי אף טאראנטא וועל איך עס אטענדען מיט דאנק.

אדימע פאזיטיוו גאנץ אומזיסט.

איך נעהם אויך אן קאונטרי ארדערס.

ריכטיגע בעהאנדלונג און אטענשאן.

פארגעסט ניט מיין אדרעס:

רעוו. א. י. מאנאוויץ 233 בעווערלי סט.

מיין טעלעפאן נומער איז קאל. 2033.

פאטראניזירט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאניע

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, געשעפטן, אפיסעס און סטאר קלינינג.

בעסטע ארבייט צו די בילינסטע [illegible]

[illegible] מיר מאכען קאנטראקטען בא נאמליך און יעהר־ליך. 16 טעראלי סטריט טעלעפאן ערעלייד 2087

[illegible]

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, 10 TERAULEY ST

בעסטע ארבייט | מעסיגע פרייזען

געסייווט א דאלאר—פארדינט א דאלאר

דאס איז אן אלטער שפריכווארט

אין אייב איהר ווילט סייפען פון 20 ביז 30 פראצענט אויף אייערע

דרוק ארבייט

דאן טעלעפאנירט עדעלייד 3967

די דזשורנאל פרעסס

251־253 קווין סטריט וועסט

(אין זעלבען פלאץ פון „אידישען זשורנאל")

און מיר קומען גלייך אריבער אייך איבערצייגען דאס סיי וועלכען פרייז איהר האט פון איין צווייטען פרינטער אדער אינוואיסעס. פון בעפאריגע ארבייט וועלען מיר אייך צו יעדער צייט געבען 20 פראצענט ביליגער ווי א צווייטענס פרייזען אדער אינוואיסעס.

גוטע ארבייט און אטענדעט אין צייט גאראנטירט.

קיין דזשאב איז ניט צו קליין אדער צו גרוים.

מיר האבען אויך א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע קאלענדארס צו די ביליגסטע פרייזען.

ארבייט. אייערע מיטינג לעטערס ווערען געמאכט אין זעלבען טאג ווען איהר ארהערט. געפרינטעט אין א ריינער אידישער שפראך.

251 קווין וועסט | עדעלייד 3967

אן אויפרוף פון טאראנטאר קאנגרעס קאנפערענץ

צו אלע אידישע קהילות אין דער אנטאריא פראווינץ

ברידער!

מיר, די פאראייניגטע אידישע ארגאניזאציעס, שוהלען, יוניאנס און סאסייטיס, פארמירט אין א קאנגרעס קאנפערענץ, ווענדען זיך צו אייך אידען, וועלכע זיינען צושפרייט איבער דער פראווינץ אנטאריא, אז צוזאמען מיט אונז זאלט איהר זיין פארבערייטעט, און ארגאניזירט, אנטייל צו נעהמען אין דער איינבארופונג פון דעם לאנג ערווארטעטען קענעדער קאנגרעס.

מיר ווענדען זיך צו אייך, אלס אידען פון אונזער פראווינץ, אלס פלייש פון אונזער פלייש, בלוט פון אונזער בלוט, ניט צו שטעהן פון דער ווייטענס, נאר צוזאמען מיט אונז, זאלט איהר צייגען דאס אייער ישוב, אייער קהלה, ווי קליין זי זאל ניט זיין, איז בארייט צו לאזען הערען איהר שטימע, צוזאמען מיט די איבעריגע ברידער אידען פון דער וועלט.

דאס אידישע פאלק לעבט יעצט איבער די גרעסטע מאמענטען אין זיין געשיכטע, ווען פון איין זייט פארווירקליכט זיך דער טויזענד יעהריגער טרוים, אנזאגענדיג אונז א שעהנערע צוקונפט פון א פאלק מיט אן אייגען לאנד, אן אייגענע שפראך, און אן אייגענארטיג לעבען, פון דער אנדערער זייט אבער צייגען זיך פינסטערע שווארצע וואלקענס, מיט בלוט פון אונזערע קינדער באפלעקט, און עס ווערען די אידען אין פוילען און גאליציען פון טיראנישע הענד געטייטעט הונדערטערווייז.

פריי און אהן מורא זעצען יענע ווילדע פארזיטען פאר זייער ארבייט, ווייסענדיג אונזער צוריסענהייט, אונזער אבהענגיגקייט, אז עס איז זיך נישטא וואס צו שרעקען פאר אזא צוברעקעלט פאלק.

דאס אידישע פאלק מאכט יעצט זיינע חבלי לידה דורך, די שווערסטע ליידען שטעהען מיר יעצט אויס, אלץ דערפאר וואס ביז יעצט, איז נאך קיין אייניג אידיש פאלק ניט פאראן. עס פעהלט נאך דער אל-וועלטליכער אידישער קאנגרעס, ערוועהלט פון פאלק, צו רעדען אין נאמען פון פאלק.

ברידער פון אנטעריא!

מיט פאלגענדען אויפרוף ווילען מיר ציהען אייער אויפמערקזאמקייט, און אויך צייגען, דאס מיר גלויבען אין א שנעלען איינרוף פון א דעמאקראטישען אידישען קאנגרעס. די דריי גרויסע קענעדער אידישע שטעדט ווי מאנטרעאל, וויניפעג, און טאראנטא, זענען גוט ארגאניזירט גלייך צו צוטרעטען צו וואהלען פאר קאנגרעס דעלעגאטען.

די 16 טע ציוניסטישע קאנווענשאן, אפגעהאלטען אין טאראנטא יאנואר דעם 5-טען, 6-טען און 7-טען, האט איהר אפיציעלע צושטימונג געגעבען, דאס אויך זי שטעלט זיך גלייך אין די רייהען פון דער קאנגרעס באוועגונג. דערמיט איז אייגענטליך באזייטיגט געווארען יעדער אפהאלט פון׳ם קענעדער קאנגרעס, און אלס אונזערע שכנים פארלאנגען מיר פון אייך, צו שטעהן מיט אונז אייניג, ברידערלאך, צו ארבייטען מיט אונז הארמאניש אויף א דעמאקראטישען וועג.

אונזער פארלאנג פון אייך איז, אזוי שנעל ווי דער אויפרוף וועט צו אייך קומען, ארגאניזירען אייער שטעדטעל פאר דער איינבערופונג פון׳ם קאנגרעס.

זאל אין אייער קהלה, אויב איהר פארמאגט צעהן אידען, געגרינדעט ווערען א קאנגרעס קאמיטע, פון וואנען עס זאל געהערט ווערען אייער שטימע אלס קענעדער אידען.

אויב איהר נויטיגט זיך אין אויפקלערונג, ווילט וויסען די ציעלען און א באדייטונג פון׳ם קאנגרעס, אויב אייך איז נאך פרעמד דער געדאנק פון אל וועלטליכען אידישען קאנגרעס — צוזאמענגעשטעלט פון קאנגרעס פארשטעהער, דאן ארראנזשירט א מאסענפארזאמלונג אין אייער שטעדטעל, לאזט אונז גלייך וויסען די צייט און דאטום פון אייער פארזאמלונג, און מיר וועלען אייך צושיקען א רעדנער, וועלכער וועט אייך באקאנט מאכען מיט אלעם.

אונזער פארלאנג איז אויך, דאס אייער קהלה, אדער ישוב, זאל זיך באטייליגען אין קאנגרעס פארקאנפערענץ, וועלכער וועט פארקומען אין טאראנטא זונטאג פעברואר דעם 2 טען, וואו עס וועלען פארהאנדעלט ווערען די וואהלען צום קאנגרעס. ווי אויך וואו דער קענעדער ערשטער אידישער קאנגרעס זאל געהאלטען ווערען.

געדענקט דעריבער אידען פון אנטעריא, אז אייער פליכט איז די ארבייט גלייך אויפצונעהמען, און זי דערפיהרען צו א זיעגרייכער ענדע.

די אמעריקאנער אידען האבען די פראבע אויסגעהאלטען. א דעמאקראטיש אידישער קאנגרעס איז דארט אפגעהאלטען געווארען, וועלכער האט אן אויפרוף צו אונז געגעבען דאס זעלבע נאכצופאלגען, זאלען מיר דעם רוף אין צייט אויפנעהמען. זאלען מיר ניט בלייבען מיט א „קין" צייכען אויף אונזער שטערען. זאלען די אידען פון אלע איבעריגע וועלט טיילען, ניט קוקען אויף אונז ווי פארדעטער פונ׳ם אידישען פאלק.

די שוידערליכע פאגראמען, וואס האבען זיך דורכגעטראגען איבער די קעפ פון די דאזיגע ברידער אונזערע — און ווער ווייסט, אפשר טראגען זיי זיך נאך איצט אויך — זיינען א בלוטיגע ווארנונג פאר אונז, און אויב מיר זאלען פארפעהלען צו פארשטעהן די דאזיגע ווארנונג, אויב אפילו איצט זאלען מיר פארבלייבען בלויז צושוער, ניט ארגאניזירט, ניט פאראייניגט, האבען מיר מורא, אז אויף אויף אונזערע שטערענס זאל ברענען דער שרעקליכער צייכען פון קין, דעם ברודער מערדער, ווייל ווער ווייסט, אויב פיעלע ברידער אונזערע וואלטען ניט געראטעוועט געווארען ווען ניט אונזער שטומקייט...

ווי פארצווייפעלט עס זאל ניט זיין די לאגע פון אונזערע פארפאלגטע ברידער, און ווי שוואך אונזערע אלעמענס כחות עס זאלען ניט זיין, איז דאך דא א האפנונג אויף בעסערס, אויב דאס אידישע פאלק פון דער גאנצער וועלט זאל ארויסטרעטען פאראייניגט, ארגאניזירט, געשלאסען האנד אין האנד.

מיר האבען שוין געהאט אן אנדייטונג, אז די שונאים און פארפאלגער אונזערע רעכענען זיך מיט אונזער מעגליכער קראפט און איינפלוס. — מיר דארפען זיי צווינגען די רעכנונג אין זינען צו האבען, און צווינגען קענען מיר זיי בלויז דאן, ווען מיר אליין וועלען אונזער צוברעקעלטקייט און צושפליטערטקייט באזייגען, ווען זיי וועלען אונז זעהען פאראייניגט און ענטשלאסען צו ווידערשטאנד.

און ניט נאר פאר די שונאים אונזערע דארפען מיר די אייניגקייט אונזערע דעמאנסטרירען, ניט ווייניגער נויטיג איז דאס פאר אונזערע פריינד.

געדענקט זשע דעריבער אונזער רוף צו אייך.

שטעלט זיך גלייך אין פארבינדונג מיט אונזער אפיס, פאר אלע נויטיגע אינפארמאציעס.

ווערט א טייל פון אונזער קערפערשאפט און צוזאמען זאל אונזער מעכטיגע שטימע געהערט ווערען.

די צייט איז קורץ, דער קאנגרעס מוז וואס שנעלער איינגערופען ווערען. מיר ווענדען זיך נאכאמאל צו אייך מיט פאלגענדען אויסרוף:

אנטאריער אידען, צו אייער פליכט, צו אייער ארבייט, אין יעצטיגער צייט!

לאזט אונז גלייך וויסען אייער באשלוס, ווער אייער פארשטעהער איז, אום צו קענען שטעהן מיט אייך אין נעהענטערע באציהונגען באטייליגט זיך אויך אין פארקאנפערענץ פעברואר דעם 2-טען.

מיט פאלקס גרוס

ה. מ. קירשענבוים.

סעקרעטער טאראנטאר קאנגרעס קאנפערענץ.

בריעף קאסטען

איש ציוני — בריעף אהן אונטערשריפטען געפינען זייער פלאץ אין פאפיער קארב. פארשטעהט זיך אז אויך אייער האט דארט זיין מקום מנוחה געפונען.

* * *

אברהאם ה. ר. — דאס זעלבע — אגב האט איהר שלעכט אויסגעטייטשט דאס באטרעפענדע ערב שבת ברייוועל. עס האט בלויז א וויצעל זיך געטון איבער די, וואס קענען ניט קיין ענגליש, אין ברעכען זיך נעבאך דעם צונג, ניט צו פארשטעהן ווערען פאר לייטען.

* * *

ה. פוקס. — וועט ניט געדרוקט זיין.

משה ליצשין. — אייערע באשולדיגונגען וועגען מה יפית האבען געדארפט אדרעסירט ווערען צו אנדערע.

* * *

ל. ראזוף. — מיר זעהן ניט איין אין וואס עס באשטעהט דאס פארברעכען אין אדווערטייזמענט׳ס פון א הבין.

אונטער דער געאכטעטער פאטראנעדזש און אין דער אנוועזענהייט פון זיין עקסעלענץ דער גאווערנער דזשענעראל פון קענעדע און דער ליוטענאנט גאווערנאר פון אנטעריא.

דער נאציאנאלער כאהר

דר. אלבערט העם (קאנדאקטאר)

16־טער יעהרליכער קאנצערט

מיט אפרים

צימבאליסט

רוסישער וויאלאניסט אלס ארטיסט

אין מאסעי האל

דעם 23-טען יאנואר

$1.00—$1.50—$2.00

סובסקרייבערס טיקעטס יעצט אין מוזיק סטארס קענען אויסגעביטען ווערען אויף רעזערווירטע פלעצער ווי פאלגט: $2.00 בילעטען יאנואר דעם 16-טען, $1.50 בילעטען יאנואר 17-טען, $1.00 בילעטען יאנואר דעם 18-טען

מאטינעע 10 און [illegible]

HIPPODROME

די וואך פון יאנואר דעם 20טען

טאם מיקס

אין

„באריהמהייט און גליק"

[illegible] פיגלי און קא. אין א קאמישען סקעטש.

טאם מור און מיידלאך, מוזיקאלישע לידער, גאלד ריעס ערווארד, קאמיקער ליא צארעל און קא. נאולאגא און מארגארעט, און דזשאהן פ. קלאבק פאטהע נייעס.

דער בעסטער פריוואט טיטשער אויף פידעל שפילען פון אנפאנגס ביז ריסייטעל איז מר.

שפילמאן 93 וויליאם סטריט

וועלכער די פראפעסארען האמבורג און וואנקאניץ פון קענעדיען אקאדעמיע רעקאמענדירען איהם. ווי אויך נעהם איך אן צו שפילען חתונות און באלער מיט די בעסטע יוניאן ארקעסטערס.

חזן קאפלאנס

שיפס קאנטאר

איז דער פלייס וואו איהר קענט בעקומען אלע סארטען אינשורענס פון די שטארקסטע קאמפאניעס און די וויקטאר וויקטראלאס מיט רעקארדס בעקומט איהר

אין חזן קאפלאנס שיפס קאנטאר

297 קווין סט. טעלעפאן אדעלייד 239

מוהלשאפט און סידור קדושין נעהם איך אן מיט די בעסטע צופריעדענהייט ווי אימער.

קענעדע פוד באארד לייסענס נומער 1365



כשר ווארשט פעקטארי

איהר בעקומט ביי אונז אימער די געשמאקסטע, פרישסטע און בעסטע סאסעדזשעס, ווארשט, סאלאמי, פאסטראמא, צונגען און אלע סמוך פליישען און פיש.

פערלאנגט איבעראל

טערדימאנ׳ס כשר סאסעדזש

מיט׳ן רויטען לייבעל

266 פארלאמענט סטריט

טעלעפאן מיין 909

ארדערס געליווערט איבעראל

ווען איהר קויפט אן ארטיקעל דערמאנט דעם „אידישען זשורנאל"..

LOEW'S

לאעוו׳ס יאנג סטריט טהעאטער

אונאונטערבראכען
12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג
נאכמיטאג 10 סענט, 15 סענט
אווענד 10 סענט 15 ס. און 25

טעל. מיין 3600 — הייי קלאס וואדעוויל — באקס סיטס רעזערווירט.

די וואך פון יאנואר דעם 2-טען

וויליאם ס. הארט אין „ברענדינג בראדוועי"

די דאזיגע געשיכטע באהאנדעלט ווי א „קאו באי" נעהמט זיך אונטער אכטונג צו געבען אויף א רייכען זונדעל וועלכער געהט ארום אויף בראדוועי. איהר קענט זיך פארשטעלען וואס וויליאם ס. הארט טוט אויף בראדוועי.

די בארימטע קענעדער באטאליאנען אין פראנקרייך, 7טער אינפאנטעריע באטאליאן פון בריטיש קאלאמביא. זעקס וואדיוויל אקטען. לאוס וועבענט ליבע גאזעט מאט און דזשעף. די פארשטעלונגען אין ווינטער גארדען וואו די פלעצער זענען רעזערווירט זענען די זעלבע ווי אין לאוס טעאטער.

Prof. Michael Angelo

MICHAEL ANGELO'S
MUSIC SCHOOL

יעדען איז שוין בעקאנט די לייכטע און ערפאלגרייכע סיסטעם פון פראפעסאר אנדזשעלא צו לערען פידעל, מאנדאלין קארנעט סאקסאפאן און אלע אנדערע בלאז און סטרונע-אינסטרומענטען.

ער לערנט אנפאנגער און אויך פראפעסיאנעלע מוזיקער.

פאר איינצעלהייטען טעלעפאנירט אדער נעהט זיך דורך אין סטודיע. בעדינגונגען זעהר מעסיגע.

Studio, Office, 450 Spadina Ave.
Tel. College 17

ניו יארקער לערער

איך מאך בעקאנט דעם ווערטהען אידישען פובליקום, אז איך האב זיך אבגעטיילט פון הענדעלמאנען אלעס א פארטנער, און איך האב אויפגעעפענט פאר מיר אליין א חדר. איך גיב די בעסטע אידישע ערציהונג, גאראנטיר פאר צופרידענהייט. איך בין אויך איינער פון די גרעסטע ספעציאליסטען צוגרייטען באיעס פיר בר מצוה פיר 2 מאנאט צייט וואס וועט איבערראשען יעדען צוהערער.

דוד גרינפעלד

לערער פון דעם ניויארקער חדר 166 יוקליד עוועניו טאראנטא.

מ. העלער

176½ קווין סט וועסט טאראנטא

נייעס פאר אידען!
מיין אידישע סטאר פאר אידען

מיר מאכען אלערליי דזשועלרי גלייך אויפ׳ן פלאץ, חתונה רינגען, געמאכט וויל איהר וואדט. מיר פיקסען אלערליי דזשועלרי פאר דעם ביליגסטען פרייז.

14 קארעט חתונה רינגען 80 סענט א פעניוועיט, 18 קארעט חתונה רינגען $1.00 א פעניוועיט.

וואטשעס געקלינט גוט און [illegible] 40 סענט. מיין ספרינגס 40 סענט, הער ספרינג 40 סענט, דזשועלס 40 סענט, סטעפס 60 סענט. מיר מאכען אייערע אלטע דזשועלרי נייע פיר א קליינעם פרייז. אלערליי ברילען ריכטיג געפאסט צו אייערע אויגען 98 סענט. מיר גיבען אייך ראיעלע סחורה פאר דעם ביליגסטען פרייז.

היט זיך פון דער שפאנישער אינפלוענציע

מיידט אויס די איבערגעפאקטע און ענגע סטריט קארס. מיידט אויס די געפאהר פון אנשטעקען זיך

פאהרט אויף א בייסיקעל

און אטהעמט פרישע, ריינע לופט, ווארט ניט אויף שפעטער



קויפט יעצט א בייסיקעל און סייפט פון $10 ביז 15 דאלאר

לויט דעם אלטען פרייז פאר קעש און לייכטע אויסצאהלונגען. מיר האבען א גרויסען סטאק טשוואס אבגענוצטע בייסיקעלס. קומט און איבערצייגט אייך. צופריעדענהייט גאראנטירט. אויטאמאבילס און טעקסעס צו פערענטען. טעלעפאנירט עדעלייד 3582.

ש. הימער (אייגענטימער)

PEERLESS BICYCLE WORKS
195 Dundas St. W. Tel. Ad. 3582

אמת׳ע דיאמאנטען
מזומן
אדער קרעדיט

זייט זיכער צו קויפען ביי אונז דיאמאנטען. מיר זענען דירעקטע אימפארטירער פון דיאמאנטען. מיר האנדלען בלויז מיט דיאמאנטען. און מיר גאראנטירען אייך איינצושפארען ווייניגסטענס 20% אויף דעם וואס איהר קויפט. זייט זיכער צו זעהען אונזער גרויסען סטאק. מיר לאזען ארונטער א ספעציעלען דיסקאונט פון 10% פאר מזומן.

דזשייקאב בראס
15 טאראנטא ארקייד
נעבענאיבער טעמפערענס סט.

ציון פלעגס
פענענטס
באטאנס און פינס
אידישע מוזיק
אין
דווארקינס
בוכהאנדלונג
525 Dundas W. Toronto Ont.

טעלעפאן קאלעדזש 4029

זייגערס רינגען דיימאנדס

און אלעס וואס איהר פארלאנגט אין דער דזשועלרי ליין קריגט איהר ביי

איזידאר שאט

האלסייל און ריטייל דזשועלער

(לעבען ספעדיינע) פון 407 קווין סט. וועסט

ספעשעל פרייזען אויף 14 קערעט גאלדענע זייגערס און משיינס, אלע סארטען וואלטהעם מאוומענטס אימער אין סטאק צופריעדענהייט גאראנטירט.

I. SHOOT 407 QUEEN W.
Phone Adelaide 3390

לואיס מ. סינגער

לאיער און נאטארי פאבליק

קאמישיאנער פאר אלע פראווינצען און סטעיטס

לאא אפיס 154 סימקא סטריט, טעלעפאן אדעלייד 919

וואוינונג 433 פאלמערסטאן בולווארד. טעלעפאן קאלעדזש 4868

קויפט אייערע קוילען פון

יאנעווער בראדערס

וואו איהר בעקומט בלויז ראזשערס קוילען מיט ראזשערס טיקעטס

אפיס 120 יוניווערסיטי עוועניו טעל. קאל. 376

לואיס ווהייט

109 גארוויל עוו.

אינשורענס אגענט

בעסטע באהאנדלונג בעסטע קאמפאניע

The Great-West Life
Assurance Co.

טעלעפאן קאלעדזש 2585

עסט ברויט מיט׳ן יוניאן לייבעל

איהר באקומט עס פון די פאלגענדע אידישע בעקער:

גבריאל פערל, 181 באלדווין סט.
מ. סענדעראוויטש, 101 אגוסטא עוו.
יוניאן בייקער, 82 ערווארד סט.
א. מאנדעל, 231 מארייע סט.
י. חייקין, אנטאריא סט.
א. מארקאוויעצקי, 175 יארק סט. הערי רובין 90 קווין וועסט

פאלגענדע אידישע בעקערס נוצען ניט דעם יוניאן לייבעל

א. פערלמוטער, 175 באלדווין סט.
דזשאו סטערלינג, 110 עליזאבעט סט.
ל. ווינער, דאנדעס סטריט וועסט.
יעקב לייב מילמאן, 195 עליזאבעט סט.
ק. סילווערשטיין, 25 באלדווין סט.
ישעיה זילבערמאן, פיבי סט.

פאדערט פון אייער דרייווער ברויט מיט דעם יוניאן לייבעל

די ניסענבוים עלעקטריק ווייערינג
און פיקטשורס קאנטראקטינג

קאנטראקטס ווערען אנגענומען אין אלערליי ווייערינג, אין אלטע ווי נייע הייזער, סטארס און פעקטאריס. מיר גיבען ספעציעלע אטענשאן אויף אלעקטריק מעקעניקעל ריפייר, אלעס ווערט געמאכט מיט די בעסטע קאנדישאנס.

מיין מאטא איז צופריעדענהייט.

יעדער טעלעפאן קאל ווערט גלייך אטענדעט.

טעלעפאנירט מיין 6367 פאר

ס. ניסענבוים 240 קווין סט. איסט

THE EATON COAL CO.
Phone Ad. 2696

איטאן קאהל קא.

אפיס 352 קווין וועסט טעל. עדל. 2696

וויכטיג פאר סטארקיפערס און פעדלערס!

מיר האבען א פרישען ליין ווייטווער ווייסטען, אנדערסקוירטס נייטגאונס פאר סעט קאווערס און בלאוזס, אימפארטירטע דירעקט פון יאפאן, און אנדערע פערשיעדענע דריינודס און מענס פורנישינגס צו די ביליגסטע פרייזען.

א ספעשעל ליין אין ליידיס און מענס רעגענמאנטלען, אויף פערשיעדענע דזשאבלאטס צו די ביליגסטע פרייזען נים אונז א טרייעל און איבערצייגט אייך.

CAPLAN, WHOLESALE DRY GOODS
229 Queen St. W. TORONTO Phone Ad. 3772

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
251 - 253 Queen Street West   Telephone Adelaide 3967
Subscription Rates $5.00 Per Year
Single Copy — 2 Cents
Entered as Second Class Mail Matter at C.P.O. Toronto Ontario
January 22nd. 1913

אן אויפגאבע פאר'ן קומענדען אידישען קאנגרעס

פראפעסאר מעקייווער, וועלכער איז איינער פון די הויפט פראפעסארען פון דער עקאנאמישער אפטיילונג אין דעם היגען אוניווערזיטעט, האט פרייטאג רעדענדיג פאר'ן עלעקטריקעל קלוב, שטארק געלויבט דעם "ליטערעסי טעסט" וואס איז איינגעפיהרט אין די פאראייניגטע שטאאטען, און ערקלעהרט, אז קאנאדע דארף נאכפאלגען דעם ביישפיעל, און אויך אנגעהמען א רייהע אנדערע מיטלען צו רעגולירען די אימיגראציע, און רעגולירען פארשטעהען שטענדיג די מענשען — צו באשרענקען איהר.

מיט א צוויי טעג פריהער, האט א קוויבעקער דאקטאר, וועלכער איז דער "העלט אפיסער" פאר דער פראווינץ קוויבעק גערעדט פאר'ן "סאָשעל סוירווים" קאנגרעס, וואס איז דא אפגעהאלטען געווארען, און ערקלעהרט, אז א ספעציעלער שטייער דארף ארויפגעלעגט ווערען אויף יעדען עמיגראנט, ווען ער קומט אריין אין לאנד, און פון דעם געלט זאלען אויסגעהאלטען ווערען די פארשיעדענע שפיטאלען פאר משוגעים, ווייל די "פאריינערס" גיבען א גרויסען פראצענט פאציענטען פאר דיזע אנשטאלטען.

אין פארלויף פון דער מלחמה, האט מען ניט אזוי פיעל מאהל באריהרט די אזיאטען פראגע, ווי מען פלעגט עס טון געוועהנליך, אבער עס הערען זיך שוין יעצט גענוג שטימען, וועלכע זוכען אויך די פראגע צוריק ארויסצושטעלען אויפ'ן טאגעס-ארדנונג.

די אימיגראציאנס - פראגע, וועלכע איז געוועזען טויט פאר די פינף יאהר קריעג איז אויפגעלעבט געווארען, און זי וועט זיכער שפילען א באדייטענדע ראליע אין דער ווייטערדיגער געזעצגעבונג פון אונזער פארלאמענט, זיכער נאך ביי דער קומענדער סעסיע, וואס וועט פארקומען אין פעברואר. די שטימען פון די רעסטריקשיאניסטען, פון די שונאים פון איינוואנדערונג הערען זיך שוין טאג טעגליך, פאר וואס אבער הערט זיך ניט די שטימע פון די פריינט פון איינוואנדערונג, ווארום הערט זיך ניט די אידישע שטימע?

די לופט איז פולמיט שנאה געגען דעם "פאריינער" בכלל, און געגען דעם נייעם אימיגראנט בפרט, אבער קיינער זאגט ניט קיין ווארט אין זיין פארטיידיגונג.

ווער זאל זיך אננעהמען פאר'ן צוקונפטיגען אימיגראנט, אויב ניט דער אימיגראנט פון נעכטען.

און וועט זיך דער קאנאדער אידישער קאנגרעס צוזאמענקומען, מוז די אימיגראציאנס - פראגע זיין איינע פון די ערשטע, מיט וועלכע דער קאנגרעס זאל זיך באשעפטיגען.

ווער זאל פארטיידיגען דעם אידישען עמיגראנט, אויב ניט דאס פאראייניגטע קאנאדער אידענטום.

דער ניויארקער ארבייטער קאנגרעס

עס איז קיין פראגע ניט, אז אן אלגעמיינער קאנגרעס פון אידישע ארבייטער איז א נויטווענדיגע זאך. עס זענען פארהאן א סך פראבלעמען, וואס קענען נאר פון אזא קאנגרעס געלעזט ווערען, און ניט פון קיין ארבייטער קערפערשאפט. אזא קאנגרעס דארף אבער פארקומען אין א פאסענדע צייט, ווייל נאר דאמאלס קען ער ארויסרופען די פאסענדע שטימונג, און ווען עס געלינגט דאן צו ציהען די עפענטליכע אויפמערקזאמקייט אויף דעם, קען מען האפען אויף גוטע רעזולטאטען.

א גאנץ אנדער מזל אבער, האט דער אידישער ארבייטער קאנגרעס, וואס איז געהאלטען געווארען די לעצטע דריי טעג אין ניויארק.

ביי אלעמען אין די אויערען קלינגט נאך וועגען דעם נאר וואס געהאלטענעם אלגעמיינעם אידישען קאנגרעס, אין פילאדעלפיע וואו אויך די ארבייטער זענען געוועזען פארטראטען. די גאנצע עפענטליכקייט אונזערע איז נאך קאנצענטרירט ארום קאנגרעס און ארום זיינע אויפטואונגען, און דארום קען ניט דער ארבייטער קאנגרעס האפען, אז ער זאל ציהען אויפמערקזאמקייט צו זיך.

הכל תלוי במזל — אפילו א קאנגרעס אויך.

דא און דארט

מיר האבען די טעג ערהאלטען א ניי פעקיל אייראפייאיש - אידישע צייטונגען אין אט, מיט וועלכע נייעס זיי זענען פול. אט איז א ביישפיעל פון איין צייטונג: אין דער "וויענער מארגענצייטונג" לעזען מיר:

> פון דער פראווינץ קומען יעדע שעה שרעקענס - נאכריכטען וועגען מאסען - פאגראמען אויף אידען. אין די שטעט שאלט-וואדקערט, פאקש, קישקערעש, נאגיקאטא (עטליכע אידען געהרגעט), קאפאווא, זשאמבעק, בארשא, קישקונהאלאש, עפעריעש און אין וועהר פיעלע אנדערע מקומות זענען מאסען אידען איבערגעפאלען און אויסגעפלינדערט געווארען א סך אידען זענען געהרגעט געווארען.
>
> אין קישקונפעלעגט האזא אליין זענען געהרגעט געווארען 14 אידען צווישען זיי אויך דער אדוואקאט דר. לערערער. די פאגראמען הויערן נאך ווייטער. די אידישע באפעלקערונג לעבט אין פאנישער שטימונג, אנטלויפט מאסענווייז, איבערלאזענדיג דאס פארמעגען אויף הפקר.
>
> אין די פאגראמען, וועלכע האבען אין גאנצען לאנד אנגענומען אן עפידעמישען כאראקטער, באטייליגען זיך סאלדאטען און ציוויל-לייט. יעדע שעה ברענגט נייע טרויעריגע איינצעלהייטען.
>
> די ציוניסטישע לאנדעס-ארגאניזאציע האט ארויסגעלאזט אן אויפרוף, צו בילדען אומעטום אידישע זעלבסטשוץ-קאמיטעס.

מיט אזעלכע און עהנליכע נייעסען וועגען שחיטות-זענען פול אלע אידישע צייטונגען. און ביי אונז?

ביי אונז פוילט מען זיך אפילו צו צאהלען צעהן סענט א וואך פאר די מלחמה קרבנות, מיט'ן אויסרייד, אז די מלחמה איז שוין צו ענדע.

עס איז טרויעריג, אבער דאך אמת.

דארט גיסט זיך אידיש בלוט ווי וואסער, און דא פוילט מען זיך אפילו צו העלפען מיט דעם, וואס קומט אן אזוי לייכט, וואס איז קיין קרבן ניט.

פאליטישע פארטייען אין פראנקרייך

פון יאזעף ריינאך

אין זיין מעסעדזש, דעם ערשטען טאג פון קריעג, האט מאסיע פואנקארע ארויס געזאגט צום ערשטען מאל די ווערטער "די היילגע פאראייניגונג". דיזע פראזע איז ארויס פון הארץ פון דער נאציאן. דער פרעזידענט פון דער רעפובליק איז אין דיזען פאל געווען די שטימע פון פאלק.

מען קען זאגען מיט א געוויסען שטאלץ, אז די היילגע איינינקייט פון אלע קלאסען פון פאלק איז רעספעקטירט געווארען ביז צום העכסטען גראד. מענשען בלייבען מענשען אפילו אין די אויסערגעוועהנליכסטע טראגעדיעס פון דער געשיכטע. עס איז פארשטענדליך, אז מענשען זאלען האבען זייערע פארשיעדענע מיינונגען וועגען פאליטישע און סאציאלע פראגען זאגאר אין מלחמה צייט.

מאנכע מיינונגען ווערען דורך דעם קריעג פערשטארקערט. אנדערע מאדיפיצירען זייערע אנזיכטען. עס וואלט געווען פאנטאסטיש צו האפען, אז פאליטישע פארטייען זאלען אין גאנצען פארשווינדען. דאך מערקט זיך אז די אלטע פארטייען האבען זיך געענדערט, און אז נייע פארטייען האלטען זיך אין גרינדען, וועלכע וועלען זיך ניט קענען אריינפאסען אין די אלטע פאליטישע ראהמען.

עס מוז צוערשט בעמערקט ווערען אז די פריהערדיגע ברענענדיגע פראגען קענען ניט אויפפלאקערן איצט מיט דער זעלבער קראפט ווי זיי האבען פריהער געברענט. איך האב דא אין זינען די ערציהונגס פראגע. אין אמעריקא האט מען זיך אפט געוואונדערט איבער דעם גרויסען שטרייט אין פראנקרייך צווישען די שטאטליכע שוהלען, פון וועלכע רעליגיעזע בילדונג איז אויסגעשלאסען געווארען דורך'ן געזעץ און דעם ארט פון רעליגיאן פארנעהמען אין זיי די בירגערליכע און מאראלע לעהרען, און די פרייע שוהלען וועלכע זיינען אייגענטליך רעליגיעזע שוהלען, און מיט ווייניג אויסנאהמען קאטוילישע, וואס ציהען זייער בעגייסטערונג פון דעם קאטוילישען הייליגען סענאד און ווערען דעהפאר בעטראכט אלס רוימישע און ניט קיין פראנצויזישע שוהלען פון אזעלכע מענשען ווי מ. קלעמענסא.

קאטאליקען בעהויפטען, אז פון פרייע שטאאטס שוהלען אהן רעליגיעזער אונטערריכטונג קענען ארויסקומען גאר שלעכטע אונפארטייאישע בירגער. פריידענקער ווידער זאגען אז פון רוימיש קאטוילישע שוהלען קומען ארויס אונפארטייאישע שלעכטע בירגער. ליבעראלע בירגער, וועלכע האבען ניט געהאלטען מיט ביידע צדדים פלעגען פון ביידע זייטען בעשימפט ווערען. דער פאקט וואס מען פלעגט זיי זידלען איז אייגענטליך דער בעסטער בעווייז, אז די ליבעראלען זיינען געווען גערעכט. דער פאקט איז אז סיי די מענשען וואס זיינען ערצויגען געווארען אין קאטוילישע שוהלען סיי די וועלכע האבען זייער ערציהונג געקראגען אין שטאאט שוהלען האבען זיך ארויסגעוויזען מיט זעהר ווייניגע אויסנאהמען אלס גוטע פאטריאטען. די מלחמה האט געליפערט די בעסטע בעווייזע, אז די ליבעראלען זיינען געווען גערעכט. אין די טרענטשעס אויף די שלאכטפעלדער האט מען געקענט זעהען זייט ביי זייט קאטאליקען און אידען, פראטעסטאנטען און פריי דענקער, פריסטער און רבנים, פראטעסטאנטישע פאסטארס און פריי-מויערער; ניט נאר האבען זיי אלע גלייך ערפילט זייער פליכט, נאר זיי האבען אויך אנגעהויבען צו ליעבען און אכטען איינע די אנדערע. מ. בארעס אין זיין בוך "די גייסטיגע פאמיליעס פון פראנקרייך", דערצעהלט א געשיכטע פון א קאטוילישען טשעפליען, וועלכער איז געהרגעט געווארען בשעת ער האט תפלה געטהאן מיט א פערוואונדעטען סאלדאט און א אידישער טשעפליען האט גלייך איבערגענומען דעם קרייץ און האט געענדיגט די תפלה מיט דעם געפאלענעם סאלדאט. עס איז דארום צו האפען אז דער אלטער שטרייט וועגען רעליגיאן אין די שוהלען וועט ניט בענייט ווערען, און אז די יעניגע וועלכע וועלען פראבירען אפפרישען די אלטע פאלעמיק וועלען בעגעגנט ווערען מיט פעראכטונג פון אלע אלטע סאלדאטען.

דאס איז איין הינזיכט אין וועלכער פראנצויזישע פאליטיק וועט ווערען איינפאכער: דא איז א צווייטער שטרייט פראגע וועלכע וועט פארשווינדען. מיר קענען שוין בעשטימט בעהויפטען, אז מיר האבען מעהר ניט קיין מאנארכיסטישע פארטייען אין פראנקרייך. דאס הייסט נאך ניט, אז עס איז שוין מעהר ניטא קיין איינציגער מאנארכיסט אדער באנאפארטיסט. די "אקסיאן פראנסע" איז א מאנארכיסטישע צייטונג און פיעלע פון איהרע לעזער זיינען מאנארכיסטען. עס געפינען זיך אויך נאך מענשען, וועלכע זיינען געבליבען טריי צו די טראדיציעס פון די אימפעריאליסטען. נאר זייער צאהל איז אזוי קליין, אז אין בעסטען פאל קען זיך זיי איינגעבען צו ערוועהלען א האלבען דוצענד פארלאמענט דעפוטאטען. די רעפובליק האט שוין קיין שטארקע געגנערשאפט ניט געהאט פאר'ן קריעג. דער זיעג האט אזוי געהיילינט די רעפובליקאנישע רעגירונג אז איצט קען מען מיט זיכערהייט זאגען, אז פראנקרייך און רעפובליק איז א סינאנים. די רעפובליק האט געשאפען די ארמיי פון זשאפר, פאש און פעטען. די רעפובליק האט געשאפען די שטימונג אין לאנד אין צייט פון קריעג. א שטימונג, וועלכע איז ניט צוטרייסעלט געווארען פון די שרעקליכע אונגליקען ווייל דאס פאלק האט איינגעשפארט אנגעהאלטען זיך אן דעם גלויבען אז גערעכטיגקייט מוז זיעגען. פאר דער מלחמה האט די רעפובליק צוריק בעפעסטיגט די פאזיציע פון פראנקרייך אין טוניס, מאראקא, איסט אפריקא און אינדא כינא, די גרויסע קאלאניעס, וועלכע די מאנארכיע פון לואיס פופצעהנטען האט פארלארען. איצט קריגט די רעפובליק צוריק עלזאס לאטרינגען, די פראווינצען וואס די צווייטע אימפעריע האט פארלארען.

אין דער וועלכער צייט האבען זיך די פארשיעדענע קלאסען פון דער געזעלשאפט דערנעהענטערט איינע צו די אנדערע, די ארבייטער, וועלכע זיינען מעהרסטענס סאציאליסטען, האבען בעוויזען אז אויך זייער פאטריאטיזם איז קיין פגימה ניטא, סיי אין די טרענטשעס אלס סאלדאטען, און סיי אין די אמוניציאנס פאבריקען, האבען די ארבייטער בעוויזען זייער טריי צום לאנד. זיי האבען מיט זייערע אויגען געזעהען ווי די רייכע לייט, די אדעל לייט, די אינטעליגענץ קעמפט אין די פאדערשטע רייהען און זיי פאלען טויזענדער ווייס אין שלאכט. דארטען איז אויסגעוואקסען די געגענזייטיגע אכטונג און האט פארנומען דעם ארט פון קלאסען האס, וועלכער האט פאראורזאכט אפט בירגער קעמפע און סאציאלע מלחמות.

קאפיטאל וועט אליין זיך מעהר אפגעבען אין דער צוקונפט מיט העכערען דעם לוין, פארבעסערען די געזונדהייטס בעדינגונגען און זארגען מעהר פאר דעם קאמפארט פון די ארבייטער. די ארבייטער פון זייער זייט וועלען אויפהערען צו בעטראכטען קאפיטאל אלס זייער שונא. דער שרעקליכער לעסאן פון דער רואינע אין די אונגליקען וועלכע דער באלשעוויזם האט פעראורזאכט, איז ניט פארלארען געגאנגען. די אנארכיע וואס האט מיטגעבראכט מיט זיך אזוי פיעל גרינדערונג האט געצוואונגען מענשען צו רענקען, די באלשעוויקעס זיינען פאר אונזערע פראנצויזישע ארבייטער געווען דאס וואס די בעטרונקענע העלאטען זיינען געווען פאר די יונגע ספארטאנער. ענדליך האט דער בערויערנסווערטהער באנקראט פון דער דייטשער סאציאל דעמאקראטיע, וועלכע האט נאכגעפאלגט דעם קייזער אין אלע זיינע פערברעכענס געגען אלץ וואס איז רעכט און מענשליך און וועלכע האט געווארט ביז דייטשלאנד איז געשלאגען געווארען איידער זי האט זיך אפגעשיידט פון דעם אימפעריאליזם און דעם פרייסישען מיליטאריזם, געגעבען א טויט קלאפ דעם מארקסיסטישען סאציאליזם. דער מארקסיזם האט איצט מעהר ניט קיין נאכפאלגער אויסער דער קליינער גרופע פאנאטיקער וועלכע זיינען געבליבען טריי צו זשארעס פאליטיק און גרופירען זיך ארום קארל מארקס איינינקעל. עס איז מעגליך אז דער פראנצויזישער סאציאליזם האט זיך גאנצען בעפרייט פון דעם מארקסיזם און ער וועט זיך צוריקקעהרען צו די ארגינעלע פראנצויזישע קוועלען פון 1848.

וואס אנבעלאנגט דער פארטיי וואס רופט זיך ראדיקאל סאציאליסטיש, פארנעהמט זי דעם מיטעל גרונד צווישען דער אלטער רעפובליקאנער פארטיי פון גאמבעטא, זשול, פערי און וואלדעק רוסא, און דער סאציאליסטישער פארטיי וועמענס נביא עס איז קארל מארקס איז זי טויטליך פערוואונדעט געווארען. דורך דעם פאל פון איהרע צוויי הויפט פיהרער מ. מאלווי און מ. קאיא. קאיא וועלכער איז געוועזען געצוואונגען אויפצוגעבען זיין מאכט ווען זיין ווייב האט ערמארדעט גאסטאן קאלמעטא, האט געצוואונגען מען זאל בעשטימען מ. מאלווי אלס מיניסטער פון אינערען, אלס מיניסטער פון אינערען האט מאלווי קאנטראלירט די וואהלען פון 1914 און האט ארויסגעוויזען אן אויסערגעוועהנליכע ברוטאליטעט און קארופציאן צו גונסטען די מענשען פון זיין פארטיי. עס וואלט געווען זעהר אונגערעכט צו האלטען אלע ראדיקאלע סאציאליסטען פראנטווארטליך פאר די פערברעכענס, פאר וועלכע דאס היגע געריכט האט פארדאמט די הערען מאלווי און קאיא, דאך זיינען קאיא און מאלווי געווען די פיהרער פון דער פארטיי, און די פארטיי האט זיי געשטיצט כמעט ביז צום סוף. קאיאן האבען זיינע פריינד פארלאזען אבער מאלווי וועמענס קיום עס אונטערשיידעט זיך פון זיין חברים האט נאך אלץ אנהענגער. פראנקרייך איז א לאנד וואו א פארטיי קען ניט אויסהאלטען אזא אונגליק ווי עס האט געטראפען אזעלכע צוויי בערימטע פיהרער. עס איז א שרעקליכע קלאפ פאר דעם פרעסטיזש פון דער ראדיקאל סאציאליסטישער פארטיי. דאס פעלד פון פאליטיק איז איצט אפגערייניגט אין פראנקרייך. עס פערשטעהט זיך אז מיר וועלען האבען פארטיי קעמפע, דאס איז אין א דעמאקראטיע אונפערמיידליך אבער עס וועט שוין מעהר ניט זיין קיין קאמף צווישען די אלטע פארטייען. די פראגרעסיווע און די קאנסערוואטיווע פארטייען וועלען זיך בעדייטענד ענדערען. די הויפט אויפגאבע פון פראנקרייך איצט, נאך די ליידען פון קריעג, נאך דעם פערלוסט פון מעהר ווי א מיליאן מענער און נאך דעם ווי פיעלע שטעדט און העהפער זיינען צושטערט געווארען פון די דייטשען, איז צו זאמלען איהרע כחות אין פריעדענס צייט און צוריק אויפבויען די אינדוסטריען, דעם מסחר און די אגריקולטור פון לאנד.

דיזע אונגעהויערע אויפגאבע וועט זיין נאך שווערער וואס טראץ דעם גרויסען שאדענערזאץ וואס דייטשלאנד וועט זיין געצוואונגען צו צאהלען וועלען די שטייערען זיין שווערע און די ארבייטס קרעפטע פון פראנקרייך זיינען זעהר אפגעשוואכט געווארען. אום מיט ערפאלג אנצופיהרען די ווידער אויפבויאונגס ארבייט, וועט נאך מיין מיינונג זיין נויטיג א פערלענגערטער פריעדען און א נייע היילגע פאראייניגונג פון גאנצען פאלק פאר פריעדענס צוועקען ווי דאס פאלק איז געווען פאראייניגט פאר קריעגס צוועקען. זעלבסט פערשטענדליך וועט אזא פאראייניגונג זיין שווער צו שטאנד צו ברענגען אבער ווי גרויס עס זאלען זיין די שטערונגען וועלען זיי זיין קלענער ווי די נויטה פאר געגענזייטיגער הילפע.

אום דיזען ציעל צו ערגרייכען וועלען מיר מוזען דורכפיהרען גרויסע פאליטישע ענדערונגען לויט דעם מוסטער פון אמעריקא. די אמעריקאנער ארמיי האט איבערגעקרייצט דעם ים צו העלפען ראטעווען צוזאמען מיט דעם באדען פון פראנקרייך, די פרייהייט און די רעכטע פון די נאציאנען. די פראנצויזישע פאליטיק וועט מוזען איבערקרייצען דעם ים אום צו מאכען פון דער רעפובליק דאס וואס זי דארף זיין — א רעגירונג ניט בלויז פון פאליטיקער נאר פון גאנצען פאלק.

פון מיין הארצווינקעל

פון י. י. סיגאל

נו, געה.

נו געה, נו געה, מעהר וועל איך דיך נישט בעטען מיט קיין ווארט. און אין א זייט אוועקקוקען, צו זאלסט נישט זעהן דעם אונרוה-פונק ביי מיר אין בליק.

נו געה, נו, געה! און ווייס אויך אז איך קען מיין הארץ צום זינען צופעסטען מיט אייזען שטריק און נישט לאזען עס א ריהר טון זיך פון ארט.

נו געה, נו געה...

און ווארט דער יענער הארט אויף דעם בעשטימטען ארט, וואס איז געווארען אנגעצייכענט שוין און אפגערעדט, זאל איהם די האנט געבענטשט, געשטארקט ווערען פאר יעדען ריהר, פאר יעדען גליעט וואס ער וועט געבען דיר...

נו, געה, נו געה!

נאר זאג נישט אוים דיין יענעם דארטען היינט: — דיין שווארצע טיפעל שפיעל, אז דו, אוועקגענומען האסט פון מיר די רוה, און לעשט א הארץ א גאלדענס אוים וואס שיינט מיט קלארען זונעגליכט..

נישט זאג איהם אוים, ניט זאג איהם אוים אז דו האסט אויף א גרין-צובליטען צווייג א נאכטיגאל געכאפט און אין א שטייג איהם איינגעקלעמט.

און ווערסט ניט מיר טאג איין טאג אוים צו צוהערען זיין יאמערליך זיין קינה קלאג, אין ענגען שמאלען דראטענעם אסטראג...

ניט זאג איהם אוים, ניט זאג איהם אוים. נאר לאז איהם בליבען זיין אין זיין ליכטזין שפיעל, און לאז איהם. קינד זיין וויפיעל נאר ער וויל, ביז וואו, ביז וואן, — ער וועט אליין דערזעהן דעם גרויליכען טומאן וואו דו האסט איהם פארפיהרט, און ער וועט אומזוכען אין הארץ ביי דיר דאס ליכט פון וועלכער האט ער אפגעחלומ'ט, בלינד, דערזעהן וועט ער זיך, א פאריתומ'ט קינד. א איך אצינד. פון גלייכען טאג איז זום פען-טאל פארפיהרט..

נו, געה, נו געה!

ער ווארט אויף דיר שוין לאנג געווים.. דו פאלשער חלום דו, עס וועלט זיך מיר פארשעלטען דיינע שעהנע אויסגעטאקטע פיס נאר גיין, נאר גיין, נו געה, נו געה! דו קענסט זיך געהן, געבענטשט, געהיילינט זאלען ווערען דיינע פיס זיי זיינען אזוי וואונדערליך און שעהן!

ווינטער

די ווייסקייט פונ'ם שניי האט מיין גרויען טריבען אומעט ריין און ווייס געמאכט, איז א קראה פערבענקט געפלויגען א שווארצער פלעק אויף מיין אונשולדיגען אומעט, ער האט מיך בעאונרוהיגט אז איך בין אומעטיגער געווארען...

דעם ווינטער וועל איך מיין ריינסטע ליעד שענקען, איך וועל זי ניט זינגען, און וועל איך שוין די געדאנקען-פלאמען האבען גרייטע, וועל איך זיי אין הארצען און אין מח צוריק אוועקלייגען, זאלען זיי ליגען, איך וועל זיך אפרוהען, און ניט שרייבען עטליכע טעג קיין ליעדער — טאמער וועט זיך נאך דער געדאנק וועלכען איך האב דעם ווינטער אוועקגעשענקט בגנבה ארויסגנב'ענען אין מיינער א ליעד.

קומען פריינד קומען פרייד צו דיר אמאל אין געסט פריינד וואס קאנען דיר נאר פון אמאל ווען דו ביזט נאה אין זייער וועלט געווען.. און זייער ווינקעל ענג. און קליין, און שמאל ידערצעהל זיי ניט די סודות פון דיין וועלט דיין וועלט וואס איז דיר ליעב און הייליג ביי. זיי וועלען ניט פארשטעהן דיך סיי ווי סיי און בלייבען וועט. פאר זיי דיין לעבען אונבעהעלט. פארפיהר מיט זיי א שמועס פון יענער צייט ווען דו ביזט ניט געוועזען פון זיי נאך אזוי ווייט... און מאד זיי פוהלען טיף דיין פריינדליכקייט כאטש טיף אין הארצען מוזט בלייבען קאלט צו זיי, און פון זייער עלענד ניט פערגאלט און פון זייער פרייד ניט אויפגעשטראהלט.

פרייד

זי האלט איהר ערשטעס קינד, א מיידעלע אויף איהרע הענט און לאכט, זי קוקט עס אן די אויגעלעך אריין און טראכט — — —

זי טראכט — — —

געבענטשט האט ער פאר'ן קינד שיבעלעך א פאר געבראכט, ער... וואס האט איהר אזוי אייביג גליקליך און אייביג און רוהיג געמאכט...

א טיעפער סוד... וואס מוז אויף אייביג בלייבען אין איהר מוטער-הארץ פאר מאכט: ווען ער: איהר הייזיגער וואס זיצט אין יאהר אין בעטערען פערשמאכט זאל וויסען וואס איהר פרעהט און וואס איהר צערט? זאל וויסען וואס זי טראכט?

זי קוקט דעם קינד אין איהרע אויגעלעך און לאכט — פארטראכט.

בריעף פון מערב-קאנעדע

פון י. העסטרין

דער ציוניזם אין מערב - קאנאדע.

עס וועט זיין מענינא דיומא צו באקאנט מאכען די לעזער פונ'ם "אידישען זשורנאל" מיט'ן ציוניזם אין מערב קאנאדע.

ביי אייך, אין מזרח קאנאדע, האט מען א פארשטעלונג, אז כמעט אלע אידען פון מערב קאנאדע זיינען ציוניסטען, אדער ציוניסטיש געשטימט, און די פארשטעלונג איז א ריכטיגע. ציוניסטיש איז אונזער מעטראפאליע — וויניפעג — און ציוניסטיש זיינען די קלענסטע שטעדטלאך און פארמער - קאלאניעס, וואס זיינען צושפרייט איבער דער גרויסער וועסט. עס איז כמעט ניטא קיין איין פונקט אין מערב - קאנאדע מיט א אידישער באפעלקערונג, אז דארטען זאל ניט זיין, אדער געוועזען, זיין א ציוניסטישע אגודה'לע.

דער רעדאקטאר פון "אידישען זשורנאל" איז דאך געוועזען אן עד ראיה ביי דער 15-טער ציוניסטישער קאנווענשאן אין וויניפעג, און האט געמוזט זעהען די ציוניסטישע "עולי - רגל", וועלכע זיינען געקומען פון די ווייטסטע און קלענסטע ישובים.

די טרוקענע פראטאקאלען פון דער קאנאדער ציוניסטישער פעדעראציע מוזען דאך אויך דערצעהלען וועגען דער שטארקער ציוניסטישער אקטיוויטעט פון די מערב קאנאדער אידען.

אבער מען מוז צוגעבען, אז סיי אינערליך, און סיי אין אויסערען איינפלוס האט די היגע ציוניסטישע באוועגונג זייער ניט אויסגענוצט די גרויסע מעגליכקייטען, וועלכע זיינען פאר איהר דא אפען.

און מעגליך, אז טאקי קופא די גרינגע מעגליכקייטען שאפען א געוויסע "פוילקייט" אין די היגע ציוניסטישע קרייזען. באזונדערס פעהלט זיך די דאזיגע "פוילקייט" אין וויניפעג.

אזוי, למשל, פארמאגט וויניפעג א "ציון קאונסיל", וועלכער פרעטענדירט צו זיין א וויניפעגער אידישער "פארלאמענט" אבער אסור אייב דער דאזיגער "פארלאמענט" זאל טאן גרויסע מעשים. האבענדיג הינטער זיך א מחנה פון מעהר ווי 20 ארגאניזאציעס, לאזט זיך דאך דער "קאונסיל" ווייניג פיהלען, און אויב עס ווערט געטאן פון צייט צו צייט ציוניסטישע ארבייט אין שטאדט, דארף עס צוגעשריבען ווערען מעהר אויף דעם קרעדיט פון איינצעלנע ציוניסטישע פאראיינען, ווי אויף דעם קרעדיט פון ציון קאונסיל אלס גאנצעס.

און דאס איז ניט דערפאר, וואס דער "קאונסיל" פעהלען טוער, אדער ער זאל ליידען פון ספעציפישע ארגאניזאציאנס פעהלערען.

ניין, טוערס זיינען ב"ה דא, די ארגאניזאציאנס מאשין איז אויך ניט צו פארזינדיגען, — אלא, וואס דען, וויניפעג געפינט זיך דאך אויפ'ן אמעריקאנער קאנטינענט, ליידען די היגע ציוניסטען פון, אזוי צו זאגען, "אמעריקאנישקייט".

עס פעהלט דעם היגען ציוניזם די וואריעמקייט, מוט און באגייסטערונג, און איך וואלט געזאגט, די נאציאנאלע ענערגיע, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר דעם ציוניזם פון די רוסישע אידען.

עס איז ניט דער ציוניזם — וועלכע אנשויאונגען, כמעט רעליגיע — נאר נעהענטער צו דעם וואס מען רופט "זשיאגיזם", און דאס איז טראץ דעם, וואס די היגע ציוניסטען זיינען דאס רוב אידיש שפרעכענדע, און וואס א באדייטענדע צאהל פון זיי זיינען גרייט (אלענפאלס, אזוי ווייזט זיך זיי אוים) צו פארבינדען זייער אייגענעם שיקזאל מיט ציון.

און דאס פעהלען פון אינערליכע באגייסטערונג קען בשום אופן ניט פארביטען ווערען מיט די מעהר - ווייניגער פינקטליכע צאהלונגען פאר די פארשיעדענע ציוניסטישע פאנדען אדער מיט דעם אויספיהרען פון די אנדערע תקנות פון דער ציוניסטישער קאנסטיטוציע.

דער ציוניזם פון די היגע ציוניסטען איז, אזוי צו זאגען, א לעתיד לבואדיגער, און ער דרינגט ניט דורך זייער טאג טעגליכען לעבען דא, אויפ'ן פלאץ (אויסנאהמען זיינען דא, אבער זיי זיינען בלויז אויסנאהמען).

איז דען ניט כאראקטעריסטיש, וואס די היגע ציוניסטען, אלס גאנצע קערפערשאפט, האבען ניט אנצואווייזען אויף קיין איין שטענדיגער אינסטיטוציע, וואס זאל זיי געהערען? און דאס איז, ווי שוין אנגעוויזען אויבען, ניט דערפאר, וואס די נויטיגע מעגליכקייטען פעהלען אוים, נאר ווייל עס פעהלט אינערליכער ענטוזיאזם.

די היגע ציוניסטען, למשל, האבען זעהר גרינג געקענט אויספיהרען צו האבען אן אייגענע צייטונג, נאר זיי טוען עס ניט, ווייל... ווייל עס איז הפנים צו גרינג. די היגע ציוניסטען האבען געדארפט האבען, און וואלטען עס זיכער געקענט דערגרייכען, א מין פאלקס-הויז, וואס זאל זיין דער היגער צענטער פון נאציאנאלער קולטור טעטיגקייט, זיי האבען זיך אבער די מיה ניט געגעבען דערויף, טאקי ווייטער הפנים דערפאר, וואס עס איז צו גרינג פאר זיי... און טאמער עקזיסטירט דא א ביבליאטעק, וואס איז אפיציעל אונטער דער אפוטרופסות פון דעם היגען ציון קאונסיל, פיהרט די ביבליאטעק אזא קלעגליכע עקזיסטענץ, וואס דארף זיין פשוט א חרפה פאר אזא נאציאנאל ציוניסטישער שטאדט, ווי וויניפעג איז. [redacted]

און ווי מיט'ן אלגעמיינעם ציוניזם, אזוי אויך מיט'ן היגען פועל-ציוניזם. איהם, דעם היגען ציוניסטיש-סאציאליסטישען פליגעל פעהלט אויך אינערליכער ענטוזיאזם, גאנצקייט.

עס זיינען דא פאראן צוויי פועלי ציון פאראיינען, וואס צעהלען אין זייערע רייהען מעהר ווי 200 מיטגליעדער, צווישען זיי א היבשע צאהל אינטעליגענטען, אבער סיי דער אינערליכער צושטאנד פון דער היגער פועלי - ציון ארגאניזאציאן און סיי איהר אויסערליכער איינפלוס אלס ארגאניזאציאן, זיינען ווייט ווייט ניט פראפארציאנעל צו די מעגליכקייטען, וועלכע זיינען פאר איהר אהן שום ספק דערגרייכבאר.

אבער לאמיר פארענדיגען דעם בריעף מיט א "כי טוב". סיי אין דעם היגען אלגעמיינעם ציוניזם און סיי ביי דעם היגען פועלי ציוניזם, באזונדערס ביי דעם לעצטען, פעהלט ניט קיין זעלבסט - קריטיק, און ממילא א פארלאנג צו פארבעסערען דעם איצטיגען צושטאנד.

ביי ביידע פליגלען פון דעם היגען ציוניזם הערען זיך אפט אומצופריעדענע שטימען און פארזוכען ווערען געמאכט ארוים אויפ'ן ריכטיגען און ברייטען וועג, און אזוי ווי די אומשטענדען זיינען גינסטיג פאר אזעלכע פארזוכען, און אזוי ווי די עצם באוועגונג געהערען צו די, וואס זיינען געבויט אויף די פונדאמענטאלע אמת'ען פון אידישען לעבען, דארפען מיר האפען און גלויבען, אז די פארזוכען וועלען זיך איינגעבען, און אז דער ציוניזם פון די מערב - קאנאדער אידען וועט זיין ניט בלויז א לעתיד לבוא'דיגער, ניט בלויז א הילף פאר "דארט", פאר דעם אידישען לעבען, וואס וועט געשאפען ווערען אין ארץ ישראל, נאר אויך א ברכה פאר'ן אידישען לעבען דא, אין מערב - קאנאדע.

וואס אויף דער וועלט און מיט מענשען קען פאסירען

טשיקאווע נייעס, וועלט פאסירונגען און גלאט זאכען וועלכע זענען ווערט צו לעזען און וויסען.

איז ער שולדיג.

פאסירט האט עס די טעג אין'ם העכסטען קרימינאלען געריכט פון אנטעריא, אין „אסייז קאורט" פאר א ריכטער מיט א הזשורי פון צוועלף מענשען. די קלעגערין און דער אנגעקלאגטער זענען ביידע אידען. מיר וועלען ניט אנגעבען קיין נעמען, ווייל דאס ברענגט דער אידישער קהלה פון טאראנטא קיין כבוד ניט, מיר וועלען בלויז דערצעהלען די געשיכטע ווי אזוי עס איז אין געריכט ארויסגעבראכט געווארען.

די קלאגע איז געווען זעהר א שווערע, „פארגוואלטיגונג". ער איז געזעסען אויף דער אנקלאגע באנק און זי איז געווען דער ערשטער עדות געגען איהם.

אין א גאנץ גלייכגילטיגען טאן האט זי דערצעהלט פאר'ן ריכטער און די געשווארענע איהר געשיכטע.

עס איז געווען אין א געוויסען פריהמארגען, מיין מאן איז דאן אוועק פון הויז. ער איז געווען ביי אונז א באדרער, און איידער איך האב נאך צייט געהאט ארויסציגעהן פון מיין שלאפצימער, איז ער אריין, איך האב איהם געפרעגט וואס ער פארלאנגט, אבער אהן וועלכע עס איז טענות האט ער מיך א כאפ געטון און...

דער לאיער פאר דער פארטיידיגונג האט איהר געצוואונגען אלעס צו דערצעהלען מיט אלע אייגצעלהייטען, און זי האט דערצעהלט אלעס וואס עס האט פאסירט.

די גאנצע צייט פון איהר עדות זאגען האט דער אנגעקלאגטער פון איהר זיינע אויגען ניט ארונטערגענומען, עס האט אויסגעזעהען אז זי געפעהלט איהם זעהר אויך זי האט פון איהם איהרע אויגען ניט ארונטערגענומען, אבער פון איהרע אויגען האט געשפריצט האס און פאראכטונג.

וואס לענגער זי האט גערעדט אלץ שטארקער האט זי ארומגעוועבט די נעץ פון דער אנקלאגע אויף איהם.

ווען דער לאיער פאר דער פארטיידיגונג האט זי גענומען אויפ'ן קרייז פארהער, האט זי ניט געמאכט קיין זעהר גוטען איינדרוק. זי האט זיך געהאלטען צו חוצפה'דיג און האט גערעדט מיט א צו שטארקען שטאלץ און האט פון צייט צו צייט געשמייכעלט ניט ווי עס האנדעלט זיך אום איהר עהרע, נאר פונקט ווי עס האנדעלט זיך וועגען אימיצען אנדערש.

איהר מאן איז אויך אן עדות געווען.

אין געוועהנליכע פעלע פארבאט דאס געזעץ אונדירעקטע עדות ווען דער עדות האט אליין ניט געזעהען אדער געהערט.

אין פעלע פון פארגוואלטיגונג אבער ווערט אן אונדירעקטער עדות ערלויבט, און אויף אזא אופן האט איהר מאן דערצעהלט אז ווען ער איז פארנאכט אהיים געקומען, האט איהם זיין פרוי מיט טרעהרען אין די אויגען דערצעהלט פון דער פאסירונג.

הערנאך האט זיך די אנקלאגע געשלאסען און די פארטיידיגונג האט זיך אנגעפאנגען.

ער אליין, דער באשולדיגטער איז אויפגעטרעטען אלס עדות פאר זיך.

א שטארק געבויטער אפגעפרעסענער יונגערמאן מיט א זעלבסט צופריעדענעם פנים, ווייזט אויס, אז ער האלט זעהר שטארק פון זיך, האט אין א גאנץ גלייכגילטיגען טאן פונקט ווי עס וואלט זיך געהאנדעלט וועגען עטוואס א מסחר דערצעהלט.

עס איז אמת איך האב געהאט באציהונגען מיט איהר, אבער ניט געגען איהר ווילען, זי איז אימער צופריעדען געווען מיט מיין באציהונג.

א זעהר שלעכטע שטימונג האט זיך פארשפרייט אין געריכט, יעדער איינער האט געפיהלט אז א סענזאציאנעלע בעדרום געשיכטע קומט צום שלוס אקט.

ער האט פארגעזעצט:

גראדע וועגען דעם טאג וועלכען זי דערצעהלט האב איך מיט איהר קיינע באציהונגען ניט געהאט, זי איז אבער אייפערזיכטיג, זי האט דערהערט אז איך דארף באלד חתונה האבען און ציה זיך ארויס פון דארטען האט זי דעריבער אויף מיר דעם בלבול געמאכט אום צו שטערען מיין חתונה, ווייטער גארנישט.

זיין אומגעלומפערטע חוצפה'דיגע האלטונג האט ארויסגערופען אן עקעל. פון זיין ריידען און זיין טאן האט זיך געהערט א שטארקע בעריהמעריי. ער א העלד, א פרויען באזיגער, יונגע פרויען פאלען צו זיינע פיס. דער איינדרוק איז געווען זעהר א שלעכטער.

ביידענס שיקזאל, אי זיינער אי איהרער זענען יעצט געווען אין די הענט פונ'ם ריכטער און די געשווארענע.

זיין באפרייאונג הייסט איהר רואינע, באשמוצען איהר פארגאנגענהייט, איהר צוקונפט, איהר נאמען און פאמיליען לעבען קאמפראמענטירען זי די פרוי און וייב אין די אויגען פון דער גאנצער וועלט.

זיין פאראורטיילונג וואלט געמיינט נימ נאר רואינירען איהר נאמען, נאר זיין קאריערע, דאך איז ער ניט געשטאנען אין אזא גרויסער געפאהר ווי זי, ווייל אזוי איז שוין די אנגענומענע מאראל פון אונזער געזעלשאפט, ער דער מאן מעג אלעס, זי די פרוי טאר ניט.

די רעדע פונ'ם ריכטער צו די געשווארענע איז געווען שטארק אויף דער זייט פונ'ם אנגעקלאגטען. ער האט זיך הויפטזעכליך אפגעשטעלט אויף דעם פאלגענדען פונקט.

אויב עס איז ווי זי זאגט אז ער איז זי באפאלען, ווארום זשע האט זי ניט געשריהען און אויב זי האט געשריהען ווארום האבען עס די מענשען וועלכע וואוינען א שטאק נידעריגער אין דער זעלבער הויז ניט געהערט.

די געשווארענע זענען אוועק אין א באזונדער צימער זיך צו באראטען און עס האט זיך אנגעפאנגען א ספעקולאציע וואס וועלען די געשווארענע טון ווען וועלען זיי גלויבען איהר אדער איהם, וועלען זיי פאראורטיילען איהר אדער איהם, ווייל וואס זייער אורטייל וועט ניט זיין, וועט איינער פון זיי ביידען ארויס פון געריכט מיט א קון צייכען.

ביים טיש וואו עס זיצען די צייטונגס לייט האט מען אויך ספעקולירט און טראצדעם וואס די ערפאהרענע צייטונגס לייט האבען געזעהען, אז זי איז ניט קיין גרויסע צנועה, האבען זיי דאך געגלויבט, אז די צוועלף געשווארענע וועלען זעהען אויף וועלכען עס איז אופן ריינוואשען דער פרוי פון דער זעהר שווארצער קלאגע, וועלכע ער האט אויף איהר ארויפגעווארפען.

א שטונדע וועלכע איז פאר אלעמען געווען א יאהר האבען זיך די געשווארענע בעראטען.

די צוועלף מענשען זענען אריינגעקומען, א טויטע שטילקייט האט געהערשט אין געריכט הויז, און עפעס ווי א שולדיגער האט זיך דער פארזיצענדער פון די געשווארענע אויפגעשטעלט און אין א זעהר נידעריגען טאן געזאגט.

מיר געפינען דעם אנגעקלאגטען ניט שולדיג.

די זעלבע טויטע שטילקייט האט אין געריכט געהערשט. דער ריכטער איז געבליבען זיצען ניט זאגענדיג קיין ווארט.

דער אנגעקלאגטער איז באפרייט געווארען. זי איז א פאראורטיילטע אוועק. אלע האבען אבער געפיהלט אזאויב זי איז שולדיג, איז ער דאך אויך ניט ווייניגער שולדיג.

שפארען, מיינט פארמאגען

ווען איהר ניט אפשפארען וועט איהר ניט האבען

דער בעסטער אופן צו שפארען איז אין וויינבערג'ס

סייווינג דעפארטמענט

א זעלטענע ערפינדונג ווי צו שפארען ביי אייך אין הויז. פון סענטס
ווערען דאלאר, און פון איינציגע דאלארען הונדערטער

קומט אריין אין מר. וויינבערגס סייווינג דעפארטמענט און נעהמט
א סייווינג באנק, א זאך וועלכעס וועט אייך נוצען ברענגען

קלייבט ביי אייך אין הויז און דעפאזירט אין אידישען סייווינג דעפארטמענט פון

מר. ה. וויינבערג

BANKER

אפיס 251־53 קווין סטריט וועסט
אפען פון 9 פריה ביז 7 אווענט

בעאבאכטונגען פון א ציוניסט

פון **א אסאווסקי**

די לינקע זייט פון דער מטבע.

4.

„מיין פריינד דו ביזט אן אונערטרעגליכער פעסימיסט.

„דו האסט בלויז די אויבערפלעכע פון שטאדט געזעהן און טעג פון שנוי און נעבעל, און האסט שליסע געצויגען אמת די שטאדט איז אונטער דער השפעה פון קארופטע בורעל פארטיי פיהרערשאפט. אבער דאך זענען אייניגע ווינקעלעך פעראנען וואו די מענשליכע נשמה רוהט אפ..

אזוי האט צו מיר מיין פריינד גערעדט ווען איך האב איהם מיינע בעאבאכטונגען וועגען דער שטאדט שיקאגא געלעזען, קום איך וועל דיר ווייזען אייניגע פון די ווינקעלאך און די וועסט הנאה האבען.. און ער האט מיר אין דער גרויסער שטאדט לייברערי געפיהרט.

און ער פירט מיך פון שטאק צו שטאק ווי דאס גינסטיגעס שאפען פון הונדערטע דורות איז זארגפול צוזאמען געקליבען און פאר די שפעטערדיגע דורות פארהיט און באזארגט געווארען.

גרויסע און ערהאבענע געדאנקען נויטיגען זיך אין שעהנע קליידער און מוזען און די שעהנסטע ווערטער וואס מיר פארמאגען זייער אויסדריק געפונען.. האט אמאהל איינער פון אונזערע גרעסטע מענער געזאגט, און דא האט אייגע פון די גרעסטע שטעדט ~~אין דער~~ וועלט זיך פארגענומען וועלטען מיט געדאנקען צוזאמענקלייבען אין איין פלאץ, און האט פאר דיזע געדאנקען פון דורות און וועלטען א בית המקדש געבויט.

און עס בויגען זיך די קניה אין יראת הכבוד, און עס פלאטערט די נשמה און עס גריבעלט און ווערט ענג און האלז און פיהלסט אז דיינע אויגען פייכטען זיך און די מוזט פארגעסען און פארגעבען, פארגעסען די וועלט און דרויסען מיט איהר טומעל און שמוץ, מיט איהר געפילדער און האנדעל, א זעליגע הייליגקייט פיהלט אז דאס מענשליכע הארץ, און דו פיהלסט די בעדייטונג פון די גרויסע ווערטער „של נעליך מעל רגליך" דען הייליג און ערהאבען איז דאס פלאץ, וואו פון יעדער ווינקעלע אטעמט אויף דיר דער גייסט פון דורות, יעדעס שטיינדעלע דערצעהלט דיר דא דעם קאמף פון געדאנקען און וועלטען, און פון יעדער וואנד קוקען אראפ צו דיר נעמען וואס טרייסטען און עהמוטיגען, וואס ציהען דיך צוריק צו דער פארגאנגענקייט, וואס דערצעהלען דיר פון צייטען וואס זענען געווען, פון קעמפע וואס זענען געפאכטען, פון גייסטער וואס האבען געלעבט און פון גייסט וואס זיגט, און וועט נאך זיגען פון געדאנקען וואס זענען געקליבען געווארען מיט דורות און דורות צוריק און זאלען און טארען ניט פארגעסען ווערען, פון וועלטען פון וועלכע זיי האבען געחלומט און מיר האבען דערלעבט.

דו קוקסט אויף די נעמען וואס גיבען אראפ צו דיר פון די קינסטלעריש געבויטע ווענד, און ווילסט זיי איינזאפען אין זיך, זיי זאלען זיך איינקריצען אין דיין נשמה און מיט נעמען מיט זיך ווען דו וועסט צוריק אויף די גאסען פון שטאט ארויס, צוריק אין דעם טומעל, קויט און נעבעל וואנדערן.

און דו הויבסט אן צו פארשטעהן ווארום שיקאגא האט אזא פרעכטיגען טעמפעל פאר די געדאנקען פון די דורות געבויט, די מענשליכע נשמה האט זיך אין איהר שבת געגוייטיגט, נאך א רוהע פלאץ געדורשט און די פרעכטיגע לייברערי געגרינדעט.

און ווען מיך פערצוויפעלט און פעהמאטערט ווערט דער מענשליכער גייסט ארומשלאגענדיג זיך וואנדערענדיג אין די גאסען פון דער גרויסער שטאדט און גיהנם פון די פאבריקען און געוועלבען אין עולם התוהו פון האנדעל אין וואנדעל, קומט ער אהער, און דיזען טעמפעל פון גייסט, די נשמה אויסרוהען, און די כוחות אפפרישען, און צוויי וועלטען האבען זייער פלאץ אין איין שטאדט געפונען, די וועלט פון כולו שבת האט זיך און מיט פון דעם הארץ פון כולו חול באזעצט און קאנקורירט מיט איהר.

און איך האב אן צו פארשטעהן וואס דר. ל. כאזאנאוויטש האט זיין לעבען הפקר געווען פאר דער גרינדונג פון דער נאציאנאלער ביבליאטעק אין ירושלים.

דאס אידישע פאלק וואס האט דער וועלט דעם שבת געגעבען האט אין, דעם לאנגען גיהנומדיגען גלות זיין תשוקה נאך דעם שבת פון גייסט אנגעווארען, און ווען פון אלע ווינקעלעך דער וועלט, דער אידישער וואנדערער וועט צוריק געהען, זאל ער אין די ווענד פון דער נאציאנאלער ביבליאטעק אין ירושלים צוריק זיין שבת פון גייסט געפינען, דעם שטובר פון גלות אפטרייסלען, דעם טורמעל פון דער גלותדיגער וואכעדיגקייט פון זיך אפטון אין צוריק מיט דעם שבת פון גייסט זיך באהעפטען.

און מיט מעהר ליבע, מיט מעהר הייליגקייט און באוואונדערונג קוק איך אויף דער פרעכטיגער געביידע אויף די קינסטלעריש אויסגעלייגטע פיגורען פון פערלמוטער, אך ווי עס ווילט זיך אז אונזער נאציאנאלע ביבליאטעק זאל כאטש ניט ערגער זיין, ניין אפילו אין דעם אייסערן פראכט און, גלאנץ מוז זי אריבערשטייגען דיזע, דען האבען מיר דען ניט אונזערע קינסטלער אונזערע בצלאלים צוזייט און צושפרייט אין אלע לענדער, און ווען דיזע אלע קינדער פון אונזער פאלק וועלען זיך צוזאמענקומען, זייערע נשמות און געדאנקען צוזאמען וועבען וועלען זיי א אידישען נאציאנאלען מוזעאום אויפבויען וואס וועט א נס לגוים זיין.

וועלען זיי א אידישע ביבליאטעק אויפבויען וואס וועט דער 8טער וואונדער פון דער וועלט זיין, און קומען וועלען מענשען פון אלע לענדער פון אלע פעלקער צו דיזער אידישער נאציאנאלער ביבליאטעק אין ירושלים זייערע גייסטער אפפרישען, און קומען וועלען די קינדער פון אונזער פאלק טרינקען פון זייער אייגענעם קריסטאל לויטערן קוואל און א נייער גייסט וועט אונז אלעמען באהערשען און נייע געדאנקען וועלען דאן געבוירען ווערען. ווייל פון דארט וועט א נייע ליכט אויף דער וועלט ארויסשיינען..

און מיין פריינד פירט מיך פון אפטיילונג צו אפטיילונג, פון צימער צו צימער, און ווייזט מיר ווי א יונג און אלט קריסט און איד זיצען דא איבער די גרויסע ביכער געבויגען און זאפען איין אין זיך דעם גייסט פון דורות און א קנאה פערגנבט זיך אין הארצען ווארום שיקאגא איז ניט ירושלים און ירושלים ניט שיקאגא.

דייטשע סאלדאטען לאזען ניט צו אלייאירטע קאמיסיע

זוארשא יאנ. 18

דייטשע סאלדאטען אין ביאליסטאק האבען פארשטעלט דעם וועג פאר דער אלייאירטער קאמיסיע וואס איז געשיקט געווארען קיין לאפי אויפ'ן פוילישען גרענעץ מיט'ן צוועק צו קאנפערירען מיט דעם קאמאנדירער פון דער דייטשער ארמיי צו ארגאניזירען א ווידערשטאנד געגען די באלשעוויקעס. די אלייאירטע קאמיסיע איז באשטאנען פון לויטנאנט רוגינאלד פאסטער פון דער אמעריקאנער פרידענס קאמיסיע און קוירנעל ווייד פון דער ענגלישער ארמיי, די קאמיסיע האט געקראגען צו וויסען אז אויב זיי טרעטען אריבער דעם דייטשען גרעניץ וועלען זיי באטראכט ווערען פאר שונאים.

פוילישע רעגירונג בעשטימט א אידישען אמבאסאדאר קיין בערלין

קאפענהאגען:

די פוילישע רעגירונג האט בעשטימט דעם בעוואוסטען שריפטשטעלער ווילהעלם פעלדמאן אלס איהר ערשטען אמבאסאדאר אין דייטשלאנד.

ווילהעלם פעלדמאן איז א בעוואוסטער פוילישער און דייטשער שריפטשטעלער. ער איז געוועזען דער הויפט פון דעם פוילישען פובליסיטי ביורא אין בערלין און האט דארט ארויסגעגעבען א וועכענטליכע צייטונג מיט'ן נאמען „פאלנישע בלעטער".

אידישע מיניסטארען אין דייטשלאנד

קאפענהאגען:

אין די פילע דייטשע רעפובליקען, וועלכע זיינען איצט געגרינדעט געווארען געפינען זיך אויך אייניגע אידישע מיניסטארען. אין דער וויצטענבערגישע רעפובליק געפינט זיך אלס מיניסטער דער אידישער אדוואקאט דר. פרידריך ווייל, און אין דער רעפובליק פון באדען געפינט זיך אלס מיניסטער דר. לודוויג האאז.

דר. לודוויג האאז איז פריהער געווען א מעמבער אין דייטשען פארלאמענט. ער איז בעוואוסט אלס נאציאנאלער איד וועלכער האט סימפאטיע פאר'ן ציוניזם. אין דער צייט פון דעם קריעג איז ער געשיקט געווארען קיין ווארשא אלס פערוואלטער פון אידישע אנגעלעגענהייטען.

פרעזידענט ווילסאן פאדערט ספעציעלע גאטעס דיענסט פאר אידישע סאלדאטען

פאריז: —

פרעזידענט ווילסאן, אויף זיין ביזודיגען וויזיט אין אייראפא, געפינט צייט אויף אלעס וואס איז נוגע דעם וואהלזיין פון אמעריקאנער בירגער. ניט לאנג צוריק האט ער אויפגעפאדערט עס זאל אבגעהאלטען ווערען א ספעציעלע „טהיינקס גיווינג" גאטעס - דיענסט פאר די אידישע סאלדאטען וועלכע געפינען זיך אין פאריז. די גאטעס דיענסט איז אפגעהאלטען געווארען אין דער רו דע לא וויקטאיר סינאגאגע.

ניי מואווינג פיקטשור קאמפאניע וועט פראדוצירען אידישע בילדער

ניו יארק: —

דא איז לעצטענס געגרינדעט געווארען א נייע מואווינג פיקטשור קאמפאניע, וועלכע וועט זיך אבגעבען מיט פראדוצירען בילדער פון אידישען לעבען.

איהר נאמען איז די „גאלד קאין מאושאן פיקטשור קאמפאני". אויף דער שפיצע פון דער קאמפאניע איז סידני גאלדין, דער בעוואוסטער מאושאן פיקטשור דירעקטאר, וועלכער איז יאהרען געווען פערבונדען מיט דער יוניווערסאל פילם קאמפאניע.

דאס ערשטע בילד פון דער קאמפאניע, מיט בעריהמטע סטארס אין די טיטול ראלען אלס אידישע כאראקטערען וועט קירצליך געצייגט ווערען.

אידישע סאלדאטען אין פראנקרייך פייערען דעם שלום

לאנדאן: —

אין רוען, פראנקרייך, האבען די אידישע סאלדאטען פון אלע אלייאירטע ארמייען וואס האבען זיך דארטען געפונען, געפייערט לעצטענס דעם וואפענשטילשטאנד אין דער ארטיגער שוהל. עס איז געהאלטען געווארען א גאטעס - דיענסט און דערנאך א קאנצערט, וואס האט זיך געענדיגט מיט דעם זינגען פון דער ענגלישער נאציאנאלער הימנע און די מארסאליעזע. א גרויסע צאהל אידען פון שטאדט זיינען געווען אנוועזענד, און דער שטאדט חזן האט פארגעבעטען.

אידישע שולען און ביבליאטעקען פערבאטען אין לובלין

קאפענהאגען:

נאכדעם ווי דער גענעראל גובערנאטאר פון לובלין האט פערבאטען אלע ציוניסטישע פעראיינען, האט ער איצט ארויסגעגעבען א נאך מעהר דרייסטען בעפעהל אז אלע אידישע חדרים אין לובלינער געגענד, ווי אויך די אוונט שולען ביבליאטעקען און אין אלגעמיין אלע אינסטיטוציעס וואס טראגען א נאציאנאל אידישען כאראקטער זאלען צוגעמאכט ווערען.

900 טויטע פון אינפלוענציא

באריכטען וואס קומען אריין פון פארשידענע טיילען פון דער פראווינץ ווייזען אז דאס די אינפלוענציא הערשט נאך גאנץ שטארק אין מאנכע טיילען פון דער פראווינץ, ביז'ן היינטיגען טאג זענען שוין געמאלדען געווארען ביז ניין הונדערט טויטע פון זינט דעם ערשטען יאנואר.

זונטאג

וועט זיך
אנהייבען דרוקען
אונזער נייער

ראמאן

די השתדלן פון ירושלים

פון דניאל מארדאווצעוו

באקאנט זיך מיט די העלדען
פון דער אמאליגער אידישער
הויפטשטאדט

ארביטריישאן קאמיסיע וועגען פאלים סטרייק שוין באשטימט

אטוירני - דזשענעראל לוקאס האט אנאנסירט דאס די קאמיסיע אויף צו ענדיגען דעם פאליס סכסוך איז שוין באשטימט, פאלגענדע זענען די פערזאנען; סער וויליאם מערעדיטה, טשיעף דזשאסטיס פון אנטעריא, ס. ר. פארסאנס, פון דער דאמיניאן לייבאר באארד, און הזשיי. ט. גאן, וועמען די פאליסלייט האבען אויסגעקליבען, סער וויליאם מערידיטה וועט זיין דער טשערמאן.

מאסענפארזאמלונג אונטערן פרייען הימעל

גרויסע צאל פאליציי האט ניט געהאט וואס צו טון

הפנים אז דאס וואס טאראנטא האט שוין א לאנגע צייט ניט געהאט קיין סאציאליסטישע מאסענפארזאמלונגען האט זעהר פיל אויסגעהונגערט די סאציאליסטען פון טאראנטא און דערפאר איז דער נעכטיגער מאסענפארזאמלונג אין בראד וויי האל געווען אן אונערהערטער ערפאלג, טויזענטער מענשען האבען ניט געפונען קיין פלאץ אריינצוגעהען, א צווייטער מיטינג איז גלייך ארגאניזירט געווארען אויפ'ן הויף פון 208 ספעדיינע עוו. וואו די הערשטיגע נאך א גוט ווארט האבען געהערט אמת גוטע סאציאליסטישע רעדען פון די דעלעגאטען.

גרויסע מאסע פאליציי.

דער שענסטער ספעטאקעל איז געווען צו זעהען גאר, גאר א גרויסע צאל פאליסלייט און געהיים פאליציי האבען באלאגערט דעם בראדוויי האל און דעם הויף 208 ספעדיינע עוו. א פאטראל וואגען האט געהאלטען כסדר אין פארען **ארויף און אראפ באזונדערס ביידע פלע**צער אבער די גאנצע ארבייט איז געווען אומזיסט. די פאליסלייט האבען אפילו ערלויבט מענשען צו שטעהן אויפ'ן טריטואר און הערען די רעדעס. עס איז געווען זעלטען צו זעהען מיט וואס פאר אן ערעלקייט די פאליסלייט האבען געהאלטען ארדנונג. ביים מיטינג נעבען 208 ספעדיינע עוו.

43331

די שענעניגען קינדער

טאקע צו וואס דארף ער דאס


UNCLE LOUIE IS A CAREFUL DRESSER
EVERYTHING HE WEARS HAS GOTTA BE JUST SO.
FOR INSTANCE, HE WEARS A FOURTEEN SHIRT AND A SIXTEEN COLLAR
WHAT'S THE EXTRA TWO INCHES IN THE COLLAR FOR?
FOR A BOIL
COPYRIGHT 1919 BY KING FEATURES SYNDICATE INC
1-20

דער אנקעל לואי איז זעהר מקפיד אויף זיין קליידונג.

אלעס וואס ער טראגט. מוז זיין ריכטיג

למשל, ער טראגט א 14-ער העמד און א 16-ער קאלנער

נאך וואס זשע דארף ער א קאלנער גרע-סער מיט צוויי אינטשעס ?

טאמער מאכט זיך איהם א געשוויר

נײשאנאל טעאטער
היינט
אווענט
א בענעפיט פארשטעלונג
פאר די
יונייטעד היברו בענע-פיט סאסייעטי
עס ווערט געשפילט
דער שפיגעל פון לעבען
פון ז. קאלמאנאוויטש
טיקעטס צו באקומען א גאנצען טאג אין באקס אפיס פון טעאטער אדער דורכ'ן טעלעפאן עדלייד 2678

רעדאקציאנעלע עצות

פון י. ב'ם

אין די הונדערטער קומען זיי, טאג טעגליך ווערען זיי אין די דוצענד גע-בראכט, בריף מיט פארשיעדענע פראגען, אין וועלכע מען בעט זיך איינפאך רחמים, וואס שנעלער צו ענטפערען, אויף די פארפלאנטערנישען וועלכע ווערען געמאכט אין פריוואטען לעבען.

יעדער בעט צו זיין דער ערשטער, ווייל ער געפינט זיך אין אזא לאגע, וועלכע קען לענגער ניט אנהאלטען, אויב ער באקומט ניט גלייך קיין ענטפער פון רעאדקציע, קומט איהם אוים דאס לעבען זיך צו נעהמען.

פארשידענארטיג זענען די בריף, יעדער בריף ענטדעקט א נייע קאפיטעל אין מענשליכען לעבען, צייגט ווי ווייט מענשען פארקריכען, רעכענענדיג דאס זיי טוען אלעס גוטעס, זיי בלייבען אבער מיט אפענע מיילער, ניט וויסענדיג וואס צו טון ווייטער.

יונג און אלט, מאן אדער פרוי, שרייבען, יעדער דערצעהלט זיין פארגאנגענהייט, ווי אזוי ער האט זיך אינגעפאנגען פארפלאנטערט, ביז ער האט דערגרייכט צו דער שטופע, פון בלייבען איינגעקלעמט, ניט אומשטאנד צו זיין צו ריהרען זיך ווייטער.

קאמעדיעס, נייע טראגעדיעס, ווערען פארגעשטעלט בילדער אין טיפען פון מענשליכען לעבען, ניט באפוצט, ניט באפארבט, נאר דאס ריכטיגע, דאס אמת'ע, ווי אזוי עס האט פאסירט, און באקומט ער ניט אזוי שנעל קיין רעדאקציאנס ענטפער ווערט ער נאך מעהר פארצווייפעלט, שרייבט ווייטער דאס זעלבע.

דאס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואס יעדער פון די שרייבער פארלאנגט פון דער רעדאקציע, איהם צו געבען א גוטע עצה. איהם צו ראטעווען, דאס ער זאל דערביי גאר ניט פארלירען, זיין נאמען זאל ניט פארעפענטליכט ווערען, ווי אויך דעם צווייטען זאל גאר ניט שאדען.

צו די וועלכע ערווארטען די אלע עצות, וועלכע זוכען מיט אינגעדולד, זיך צו באפרייען פון זייערע פלאנטערס, מוז געזאגט ווערען דאס זיי לעבען אין א גרויסען טעות.

מעגליך דאס מען קען געבען אן עצה, צייגען ווי אזוי צו פארמיידען א זאך, וואס קען פאסירען, פאר קיין פאל אבער ניט איבער ענדערען דאס וואס עס האט פאסירט, דער רעדאקטאר, אדער א מיטארבייטער, קען דעם צווייפאכען פארליעבטען אדער פארליעבטע גאר ניט העלפען, ווען יענער פרעגט וואס ער זאל טון פונקט ווי מען קען ניט ארונטערנעהמען קיין קלאגע פון א מענשען וועלכער באגעהט א פארברעכען.

פאר צווייפלונג אדער עצות, העלפען זעהר ווייניג, אזעלכע וועלכע פארלאזען זיך אויף עצות, צייגען בלויז זייער אונפעהיגקייט זעלבסט צו באשטימען זייער שיקזאל, און פארקריכען אזעלכע אין א נעץ, וועלען זיי שוין קיינמאל ניט באפרייט ווערען.

פאר אזעלכע איז איין אויסוועג פארהאן, אנשטאט שרייבען בריף, פארדרעהן א קאפ, בעסער אכטונג געבען אויף זיך זעלבסט. אויסרעכענען וואס זיי געהן טון, וואס זיי אונטערנעהמען, און ניט אריפציהען אויף זיך קיין אונאנגענעהמעס.

רעדאקציאנעלע עצות קומען שוין צו שפעט, ווייל דאס אינערווארטעטע איז געשעהן, און די פארצווייפעלטע דארפען בעסער זעהן פריהער ניט צו פארקריכען אין א צרה.

דער טראגישער סוף פון א הערליכער ליעבע

בעשריבען פון רחל זוננשיין.

וואס איז ליעבע? ריזע פראגע איז אזוי אלט ווי די ליעבע אליין. די פערשטארבענע דורות האבען די פראגע געפרעגט, די קומענדע דורות וועלען די פראגע פרעגען, און פאר זיי, פונקט ווי פאר יענע וועט די פראגע בלייבען דיזעלבע אינגעלייזטע געהיימניס.

וואס איז ליעבע? פלעגט די יונגער פון די פערשטארבענע דורות פרעגען זייערע מכשפים; זיי האבען געפרעגט ביי די געטער און די אלוויסענדע געטער זיינען געבליבען שטום ווי דער טויט. קאן מען וויסען פאר וואס די ראזע, די הופענדע שעהנע ראזע, דער סימבאל פון ליעבע האט דערנער אויף זיך? קאן מען וויסען פארוואס דער ים ברויזט, שרייט און קאכט זיך? קאן מען וויסען פארוואס די שטורעמס ברויזען? אזוי קאן מען וויסען וואס ליעבע איז. מיר פיהלען זי, אבער מיר פערשטעהען זי ניט. ליעבע און טויט זיינען די צוויי אייביגע געהיימניסען פון לעבען, וועלכע דער מענש און געטער וועלען אפשר קיין מאהל ניט פערשטעהן.

די ליעבע ווי דער טויט בלייבען אינפערענדערבאר. זיי שטעהען אויסער ציים און פלאץ, זיי זיינען ניט אונטערווארפען די געזעצע פון ענטוויקלונג. א מורא'דיגען כח האט די ליעבע, זי מאכט פון א חיה א מענש, און פון א מענש א חיה. פון א פייגלינג א העלד, און פון א העלד א פייגלינג. זי מאכט צום נארען דעם גרעסטען חכם און א חכם פון דעם גרעסטען נאר. וואס קען די ליעבע ניט? די אונערמידליך שאפענדע ליעבע האלט אין איין שפינען און וועבען. ניין און נייציג פראצענט פון אלע אונזערע ראמאנען, דראמעס און טראגעדיעס זיינען „פערפאסט" געווארען פון דער ליעבע.

אלעס וואס די ראמאנען און פיעסען שרייבער פון אלע צייטען און פעלקער האבען געשאפען איז געגעבען געווארען פון דער ליעבע.

הערליך, אינטערעסאנט, מורא'דיג טראגיש קאמיש און פיעלפאך זיינען די ראמאנען, טראגעדיעס און קאמעדיעס, וועלכע די ליעבע האט געשאפען. אבער זי שעפט זיך ניט אוים. איהר שאפונגס קראפט איז אונערשעפליך, און יעדע מינוט שאפט זי עפעס נייעס, נייע עפעקטען, נייע סיטואציעס, נייע סינעריס און אויסשטאטונגען, אזוי אז דער אייביג אלטער אינהאלט קוקט שוין אויך אוים, גאנץ ניי. איך וויל די לעזער בעקענען מיט א מערקווירדיגער ליעבעס טראגעדיע, וועלכע האט זיך ניט לאנג צוריק אפגעשפילט אויף איינעם פון די הויכע בערג פון קאלאראדא.

די העלדען פון ליעבעס טראגעדיע, וועלכע האבען געהאט אזא הערליכען פריהמארגען זונענדיגען אנפאנג און א זעלטענע סוטהעדען שעהנהייט און א נאבעל פינסטער בלוטיגען סוף זיינען געווען דזשען ווילאבערי, 20 יאהר אלט, א טאכטער פון אן אלטער, אריסטאקראטישער אמעריקאנער פאמיליע, און בערי האלט, א שעהנער יונגער מאן, וועלכער האט געשטאמט פון די קאלאניסטען וואס זיינען געקומען נאך אמעריקא מיט וויליאם פען, דער פאטער און גרינדער פון פענסילווייניא.

ווי אלע געליעבטע האבען אויך דזשען און בערי געטרוימט פון אוועקפליהען ערגעץ ווייט, ווייט פון מענשען, אנטלויפען פון דער זינדיגער ערד, פון דער פראזאאישער וועלט, מיט איהרע ליגענס רכילות פייקס, און נארישע מנהגים. אנטלויפען, זיך אוועקטראגען אין העכערע ספערען, און דארט ווייט פון מענשליכע זינדיגע אויגען געניסען פון זייער ליעבע. אבער דזשען און בערי האבען ניט בלויז געטרוימט פון דעם נאר אויך דעם טרוים פערווירקליכט. אין א שעהנעם טאג אין רזשולי, פון דיזען יאהר האבען זיי געלאזט אנזאטלען צוויי פון די פיינסטע רייט פערד, פערלאזט דעם טהאל, אין וועלכען די זינדיגע הוהא, רויש און קאך מענשהייט לעבט, ליידעט און קעמפט, און אוועק זיינען זיי אויף די הימעל הויכע/און אייביג אין שנעע בעדעקטע בערג פון קאלאראדא. לאנג האבען זיי געוואנדערט דורך דער בערג וויסטע און שליסליך אויסגעקליבען איינעם פון די העכסטע בערג, אכט טויזענד פוס הויך אלס זייער ליעבעס געצעלט.

א ווײלע האבען נאך פריינדע און בעקאנטע גערעדט. און געלאכט פון דעם קינדישען איינפאל פון די צוויי געליעבטע, דאן האט די וועלט פארגעסען אין זיי, זיי אין דער וועלט. דזשען און בערי האבען געלעבט אויף די בערג און די מענשהייט אין טהאל.

וויעדער דערמאהנט האט זיך די וועלט אין דעם געליעבטען פארעל ענדע סעפטעמבער, ווען מען האט דזשענס קערפער געפונען טויט אין דעם רייכען עסטעס פארק האטעל, וועלכער געפינט זיך אין טהאל לעבען די בערג.

וואס איז פארגעקומען אויף די בערג? וואס זיינען געוועזען די אורזאכען וואס האבען געפיהרט צו אזא שנעלער און טראגישער ענדע פון דיזער פייערדיגער ליעבע? דאס וועט אפשר בלייבען אן אייביגע געהיימניס, ווי די ליעבע, דאך א שטראהל פון ליכט ווערט געווארפען אויף דזשענס טאגעבוך, וועלכען מען האט געפונען ביי איהר אין דעם האטעל צימער און וועלכען איך וויל איבערגעבען ווארט פאר ווארט.

„דזשולי דעם 16טען :—

א הייליגע שעהנע נאכט. — צום ערשטען מאהל ווי איך בין פאר עטליכע מינוט אליין אהן מיין געליעבטען. אליין? גרויסער גאט — קאן איך דען זיין אהן איהם? איך לעב, אטהעם און בעוועג זיך ווייל איך בין א טהייל פון איהם.

געליעבטער, האסט מיך געהאלטען אין דיינע ארעמס און אוועקגעקושט די טרעהרען, מיינע טרעהרען פון גליק, ווי זיס דיין נשמה רעדט צו מיינער.

שלאפענדיג אדער וואכענדיג, נאהענט צו ווייט, דו בלייבסט מיינער, איך דיינע אין דיזער ווי אין יענער וועלט.

הייליגע שעהנע נאכט. איך זיץ ביים פלאקערענדען פייער פון אונזער פארק געצעלט און ווארט ביז דו וועסט צוריקקומען. מיין הארץ וואנדערט זינגענדיג דורך די אלע גליקליכע שטונדען און טראכט פון יענעם הייליגען מאמענט ווען דער פייער פון דיינע ריינע אונשולדיגע ליפען האבען בעריהרט דעם דינאמיט פון מיין נשמה און איך בין צום ערשטען מאהל אין מיין לעבען געפאלען אין פערגעסענהייט אין דיינע קרעפטיגע ארעמס.

און איך טראכט פון די זון גאלדיגע פריהמארגענס ווען מיר האבען צוזאמען געוואנדערט אויף די בערג, און פון די זונברענענדע נאכמיטאגס ווען מיר פון שווימען אין דעם טייך פון די וואלקען, „לייק אף דהי קלאודס" ווי דער טייך, וואס געפינט זיך אויף יענע בערג ווערט גערופען. זיינען מיר געזעסען אונטער דעם שאטען און געשריבען אונזערע חלומות אויף'ן זאמד. אה ווי אונגעדולדיג איך ווארט אויף דיר געליעבטער. ליעבע איז דער קעניג דא אויף די נאכט בערג. ז

אויגוסט 7-טער :—

אה, וואס פאר א גראנדיעזער און גלאר רייכער טאג עס איז היינט, געליעבטער. ענדליך האבען מיר דערגרייכט יענע הויכקייט נאך וועלכער מיר האבען אזוי אפט געבענקט. 2 אוהר פארטאג האבען מיר פערלאזט אונזער געצעלט און פארטאג זיינען מיר געווען אויף דעם העכסטען פונקט פון דיזע שנעע בעדעקטע בערג פעלדער און אונזער געצעלט אויפגעשלאגען.

אה וויפיעל צארטקייט עס איז געווען אין דיין שטימע, אין דיינע אויגען, ווען דו האסט מיך געדריקט צו דיין גרוים הארץ. מיר זיינען געשטאנען אויף דער סאמע ברעג פון פעלז און דו האסט מיך געבעטען צו בעטראכטען דעם הערליכען קעניגרייך פון וועלכען איך וועל זיין דיין קעניגין, און מיט דיר שטענדיג הערשען. טייערער, וואלט דאס ווירקליך געווען א קעניגרייך פאר וועלכען מען וואלט בעדארפט בעצאהלען, וואלט איך קיין איין קוש דיינעם ניט אוועקגעגעבען פאר דעם.

סעפטעמבער דעם 3-טען :—

היינט איז אונזער לעצטער טאג דא. מארגען געהען מיר צוריק אין טהאל צו דער געזעלשאפט, וואו מיר וועלען מוזען לעהרנען צו ליעבען אונטער פערשלאסענע טהירען. גאט, איך דאנק דיר פאר דעם קורצען גליק וואס דו האסט אונז געגעבען דא אין דיינע בערג, זינט דעם אנפאנג פון דער מענשליכער ראסע ווען חוה האט זינגענדיג פריי שפאצירט אין גן עדן מיט איהר געליעבטען, איז דען א מענש געווען אזוי גליקליך ווי איך? האט וועלכע פרוי דען געליעבט אזוי ווי איך אדער גערוהט אין די ארמס פון אזא געליעבטען ווי מיינער?

סעפטעמבער דעם 4-טען:—

און אט זיינען מיר שוין צוריק אין טהאל. שטיל ארום און ארום. דער האטעל אונזערער איז ווי אין שלאף פערוויגט. עס איז אבער נים די שטילקייט פון די בערג. דער ווינטער קומט פארוואס האבען מיר די בערג פערלאזען? וואלטען מיר דען מיט אזא הייסער ליעבע ווי אונזערע געקאנט דארט דערפרארען ווערען? גליקליך, פול מיט נשמה'דיגען גליק, איז אויך געווען דאס ארונטערגעהן פון די בערג. די זון האט אונז בעגלייטעט נאר די פאלענדע בלעטער האבען עטוואס טריעב געמאכט מיין נשמה.

סעפטעמבער דעם 5-טען :—

טייערער ווי אזוי האסטו געקאנט מיך פערלאזען און אוועקגעהן אויספיהרען דיין שליחות? אהן דיר שיינט ניט די זון: גאנצע יאהרטויזענדע לויפען דאכט זיך פערביי און ביזט נאך ניטא. אה דיין ליידענשאפטליכער קושען מיר, דיין פייערינגעם אומארמען מיך, א כוואלע פון בענקעניש רייסט זיך דורך מיין תפלה-טהוענדער נשמה! שוין צוויי טאג ווי דו ביזט אוועק! גאט איך וועל עס ניט איבערטראגען!

סעפטעמבער דעם 7-טען: שוין דער צווייטער טאג און איך האב ניט געהערט פון דיר. היינט האסטו שוין בעדארפט זיין צוריק און קיין ווארט פון דיר עפעס ווי א קאלטע ביינער האנט האט ארומגעכאפט מיין הארץ, מיין נשמה ווארפט זיך אין אגאניע, אבער איך וועל ניט צולאזען דעם געדאנק אז דיר האט עפעס געטראפען. מארגען וועסטו קומען צו מיר געליבטער מיינער.

סעפטעמבער דעם 9-טען :

אה, טייערסטער, טהיילער פון מיין גליק, וועלכעס איז שוין טויט, ווי האסטו עס געקענט טהאן? שוין אוים פשוט'ע רחמנות צו מיר, ווען איך וואלט דיר אפילו גארניט געווען בלויז אן ארונטער געריסענע בלעטעל אויף דיין וועג, וואלט טו אויך געמענט זיין מעהר מענשליכער צו מיר. ווי אזוי האסטו געקענט אזוי ברוטאל ערמארדען מיין ליעבע?

ווען איך האב געקראגען דיין בריעף, דעם טויט אורטהייל אויף מיין ליעבע, איז מיין הארץ וועלכע איז געווען די נעסט פון ליעבע און גליק געווארען אנגעפילט מיט א מורא'דיגען וואהנזין. אה די שרעקליכע ערוואכונג ! פארוואס האסטו ניט געטויטעט מיין קערפער צוזאמען מיט מיין ליעבע? קאן א מענש דען לעבען אהן א הארץ, אהן ליעבע? קאן עס זיין, געליעבטער אז ווען דו האסט מיך דינסטאג פערלאזען איז דער פערראטה שוין געווען אין דיין הארץ? דיין לעצטער קוש האט עס ניט געזאגט.

סעפטעמבער דעם 10טען :

דער סוף קומט. נאך עטליכע מינוטען, און איך וועל זיך איבערגעבען אין גאטס הענד און דארט געפינען דעם אייביגען פריעדען. צו שפעט חרטה צו האבען. דער גיפט פרעסט שוין מיין הארץ, און די וועלט, די טייערע וועלט, וועלכע איך האב אזוי הייס געליעבט, דרעהט זיך ווי אין א משוגענעם קאראהאד פאר מיינע אויגען. דאס זיינען די לעצטע ווערטער, בערי טייערסטער, וואס דו וועסט לעזען פון מיר, ניט אכטענדיג אויף דעם, וואס דו האסט געטהאן, ליעב איך דיך מיט דערזעלבער צארטקייט ווי אין דעם פריהמארגען פון אונזער ליעבע.

איך בין איבערצייגט אז ווען ניט איז מעגליך אז ערשט ביי דעם זונענאונטערגאנג פון דיין לעבען, וועסטו זיך ערינערען אין די שעהנע טעג וועלכע מיר האבען צוזאמען פערבראכט אין דעם קעניגרייך פון די בערג.

אה, עס וואלט זיך רעדען צו דיר, טייערער, אבער די אייביגע נאכט קומט אן, די נאכט פון אייביגען שלאף, אייביגער רוהע...

אלע אלייאירטע סאלדאטען באפרייט

פאריז יאנ. 19

אן אפיציעלע ערקלעהרונג איז ארוים געגעבען געווארען דאס די אלייאירטע מלוכות האבען דערהאלטען א פארמאלע פארזיכערונג פון דער דייטשער רעגיהרונג דאס אלע געפאנגענע פון די אלייאירטע סאלדאטען זענען ביז צום 31-טען דעצעמבער געווען באפרייט פון די דייטשע געפענגנישען. אלע געוועזענע געפאנגענע זענען באפרייט געווארען ניט אכטענדיג וואו זיי האבען זיך געפונען און עס איז זיי געגעבען געווארען דאס רעכט צו קאמיוניקירען מיט זייערע פאמיליען און זייערע רעגירונגען.

אויפמערקזאם
צו פעדלערס און סטארקיפערס פאר 10 טעג סייל אין באַרגיין 1000 בעגס פיטייטאס גאראנטירט פאר 1.50 אין בעג דעליווערט איבעראל סמיט און ראבינסאן 29 סט. ענדרו סטריט טעלעפאן קאלעדזש 7235

צו די טאראנטאר אידען
פארברייטעט אייך צום ריזיגען
מאסען פערזאמלונג
פאר די מלחמה קרבנות
זונטאג אווענט דעם 26-טען יאנואר
אין מאסעי מוזיק האל
דער בארימטער און באליבטער רעדנער
רעוו. ה. מאסליאנסקי
וועט אדרעסירען די פערזאמלונג
טאראנטאר קאנפערענץ
פאר די מלחמה קרבנות.

האט איהר זיך שוין באזארגט?
ווייסט איהר אז אינגאנצען איז נאך עטליכע טעג פארבליבען ביז
דינסטאג אווענט דעם 28-טען יאנואר 1919
ווען אין מעסי האל וועט אויפטרעטען דער גרעסטער וועלט בארימטער
יאסעלע ראזענבלאט
וועלכען עס איז געלונגען נאך שווערער מיה די
בני יעקב בענעוועלענט סאסייעטי